STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03206

ZIKHROYNES FUN A BOTVINIST

Ephraim Wuzek

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים וואָזעק

זכרונות פון א באַטווינסט

אפרים וואָזשעק

זכרונות פון אַ באַטווינסט

פאַרלאַג: יידיש בוך — וואַרשע

1964

E. WUZEK

WSPOMNIENIA BOTWINISTY

הילע פּראָיעקטירט. ע ר כ אָ װ

Okładkę projektował: ERCHOW

Printed in Poland

Wydawnictwo „IDISZ BUCH” Warszawa, Nowogrodzka 5

Ark. druk. 8, ark. wyd. 6. Papier druk. sat. V kl., 61×86, 80 g
Nr zam. 776. Nakl. 2500 egz. Druk. ukończono w lipcu 1964 r.
Druk. RSW „PRASA”, Warszawa ul. Tarczyńska 8. Z-12

*　*　*

שוין יאָרן לאַנג טראָג איך זיך אַרום מיטן געדאַנק אָנצושרייבן וועגן דעם קאַמף פון די יידישע פרייוויליקע און ספּעציעל וועגן דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע אין שפּאַניע.

דערמיט וויל איך צולייגן אַ ציגל צום מאָנומענט פאַר די צענדליקער העלדישע „באָטווין“־סאָלדאַטן, וועלכע זענען געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַניע.

ווו זענען זייערע קברים — ווייסן מיר נישט גענוי. מיר ווייסן אָבער, אַז זיי האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן און זייער בלוט פאַרגאָסן ביי מאַדריד, גוהאַלאַכאַראַ, בעלציטע, סיעררא דע קעמאדא, אַלקאַניז, קאַספּע, לערידאַ, קאַרבעראַ, גאַנדעסאַ און צענדליקער אַנדערע ערטער — און שפּעטער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין קאַמף קעגן דייטשישן אָקופּאַנט.

וועגן דער העלדישקייט און מסירת־נפש פון די יידישע פרייוויליקע בעתן אַנטיפאַשיסטישן קאַמף אין שפּאַניע כאַראַקטעריזירט דאָס פאָרוואָרט פון לויגאָ גאַללאַ, דעם געוועזענעם הויפּט־קאָמיסאַר פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, אין דער דערשינענער אין מאַדריד (1937 יאָר) בראָשור פון גינאַ מעדעם „די יידישע פרייהייטס־קעמפער“:

„געווען איז עס אין די ערשטע טעג, ווען די פרייוויליקע האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין אַלבאַסעטע. כ'דערמאָן זיך, ווי עס וואָלט געווען נעכטן, אַ שוואַרצער יונגער יאַט מיט אַ רונדיק פּנים, וועלכער האָט גלייך דעראָבערט מיין סימפּאַטיע. דאָס איז געווען אַ יידישער פרייוויליקער, וועלכער איז געקומען מיט מיר זיך אַדורכרעדן, ווייל איך בין געווען איינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַטאָרן פון די אינטערבריגאַדעס. דער יונגער יאַט האָט גערעדט אין נאָמען פון ז'ער ערשטער גרופּע פון 15 יידישע פרייוויליקע, אָרגאַניזירטע אין קליינע סעקציעס, בראָש פון וועלכע ער האָט שטאָלץ דעפּילירט אויף די גאַסן פון אַלבאַסעטע.

ער האָט מיך געבעטן, אַז די יידישע פּרייוויליקע זאָלן ווערן אָרגאַניזירט אַלס ספּעציעלע איינהייט אין אונדזער בריגאַדע, מיר ווילן דעמאָנסטרירן — האָט ער געזאָגט מיט אויסערגעוויינלעכער ערנסטקייט און ענטוזיאַזם — מיר ווילן באַווייזן צו וואָס די יידן זענען פּעיק. די פאַשיסטן באַשולדיקן אונדז אין פחדנישקייט און מיר ווילן באַווייזן דער וועלט, אַז מיר קאָנען האַנדלען ווי העלדן.

פאַרשטייענדיק זייער גוט די געפילן און פּאָליטישע באַגרינדונג פון דעם חבר, האָב איך גלייך דערקלערט, אַז איך בין מיט אים פולשטענדיק מסכים. אין הסכם מיטן חבר אַנדרעי מאַרטי, דעם גרינדער פון די אינטערבריגאַדעס, האָב איך דעם יידישן חבר באַפולמעכטיקט, ער זאָל זיך ווענדן צו אַלע יידישע פרייוויליקע, וועלכע געפינען זיך אין אַנדערע איינהייטן, זיי זאָלן זיך גרופּירן און שאַפן אַ שיינע און שטאַרקע יידישע איינהייט.

ער איז אַוועק פון מיר פול מיט פרייד. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער פילט זיך אַזוי ווי אַ זיגער קעגן אַלע בלבולים, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן קעגן זיינע ברידער און ראַסע.

לײדער האָט דער שיינער חלום נישט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן צוליב שפּראַך־שוועריקייטן, דאָס פעלן פון צייט און אויך צוליב דעם, וואָס דער חבר איז אַוועק בראש פון די 15 חברים, מיט וועלכע ער איז געקומען פון פּאַריז, אויפן פראָנט.

אָבער זיין אויסזען איז מיר געבליבן אין זכרון. ווען איך בין אַ וואָך שפּעטער נאָך אים געקומען קיין מאַדריד, האָב איך געוואָלט זען זיך מיט אים. לײדער איז דאָס געווען אוממעגלעך, ווייל ער איז העלדיש געפאַלן אין די ערשטע קאַמפן פון סיודאַד אוניווערסיטאַריאַ.

טייערער מיינער און העלדישער יידישער חבר! דו ביסט מיר געקומען אויפן זכרון, ווען אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך גערעדט מיט דער חברטע גינאַ מעדעם, וועלכע איז געקומען זוכן מאַטעריאַל וועגן די יידישע פרייוויליקע אין אונדזערע בריגאַדעס. דאַן האָב איך געפילט, אַז מיר, פרייוויליקע, האָבן אַן אויסערגעוויינלעכע פליכט לגבי די יידישע העלדן, וועלכע האָבן פאַרשריבן פּרעכטיקע זייטן אין אַלע אונדזערע בריגאַדעס.

לײדער האָבן זיי נישט געקאָנט קעמפן פאַראייניקט אין אַ יידישער איינהייט. אויף אונדז, קעמפער פון אַלע בריגאַדעס, פון אַלע נאַציאָנאַ־

ליטעטן, ליגט אַ פליכט צו זאַמלען די פּרעכטיקע ביישפּילן פון איבערגעגעבנקייט און העלדישקייט פון די יידישע פרייוויליקע, כדי צו דעמאָנסטרירן פאַר דער גאַנצער וועלט — דאָס איז דאָך געווען דער ווילן פון דעם יידישן חבר, וועלכער איז געפאַלן ביי דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון מאַדריד“.

דער ציטאַט ווייזט, אַז שוין פון סאַמע אָנהייב איז אין די אינטערבריגאַדעס געשטאַנען די פראַגע פון שאַפן אַ יידישע איינהייט אין שפּאַניע. ענדלעך איז אַזאַ יידישע איינהייט — די „באָטווין“-קאָמפּאַניע — געשאַפן געוואָרן אין דעצעמבער 1937 יאָר.

מיין ציל איז הויפּטזעכלעך צו שרייבן וועגן דער „באָטווין“-קאָמפּאַניע, וועגן אירע קאַמפן און וועגן אירע העלדן.

אויפן סמך פון פּערזענלעכע זכרונות, שמועסן מיט לעבנגעבליבענע „באָטווינצעס“ און לויט מאַטעריאַלן, וועלכע געפינען זיך אין דעם אַנשטאַלט פאַר פּאַרטיי-געשיכטע ביים צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער-פּאַרטיי קאָן מען פעסטשטעלן, אַז די „באָטווין“-קאָמפּאַניע האָט זינט איר אַנטשטייונג אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אַלע קאַמפן פון דער „דאָמבראָווסקי“-בריגאַדע אין שפּאַניע.

די דאָזיקע בראָשור האָט אויך דעם ציל איבערצוגעבן דעם לייענער די געשיכטע פון דער „באָטווין“-קאָמפּאַניע — פון איר אַנטשטיין (12 דעצעמבער 1937) ביז דאָס פאַרלאָזן שפּאַניע (8 פעברואַר 1939). זאָלן אויף אייביק פאַרשריבן ווערן די נעמען פון די העלדן פון דער „באָטווין“-קאָמפּאַניע — יידן, פּאָליאַקן, שפּאַניער, וועלכע האָבן צוזאַמען, טראָגנדיק די „באָטווין“-פאָן אויף די שלאַכט-פעלדער פון שפּאַניע געקעמפט קעגן פאַשיזם און ראַסיזם, פאַר שלום, פאַר דעמאָקראַטיע און פרייהייט, פאַר אַ בעסערן, נייער געזעלשאַפט.

אפרים וווזעק

.1

אין אָקטאָבער 1937 בין איך געווען צוגעטיילט צו דער צווייטער קאָמפּאַניע פון באַטאַליאָן „פּאַלאַפאָקס“ אין דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע. עס איז שווער איבערצוגעבן אויפן פּאַפּיר דעם ענטוזיאַזם און קאַמפסגרייטקייט, וואָס האָט דאַן געהערשט אין דער איינהייט.

דאָ אין דעם קליינעם אַראַגאָנער שטעטל ביגאַסעד (אָדער אין סאַמ־פּער דע קאַלאַנדראַ) האָב איך דערפילט מיט מיין גאַנצן „איך“ וואָס הייסט ברודערשאַפט, איינהייט אין קאַמף קעגן פאַשיזם. אַלעמען האָט באַהערשט איין פאַרלאַנג — קאַמף מיט געווער אין האַנט קעגן שונא.

דעם שפּאַניער סאַנטשעס פון אַנדאַלוזיע, דעם גריך פּאַנאַזלאַס, דעם קוילנגרעבער שימאַנסקי און דעם בונדיסט בנימין ליפשיץ האָט פאַראייניקט איין ציל — פאַרניכטן דעם פאַשיזם! דעריבער איז אונדזער איינהייט טראָץ דעם, וואָס זי איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן — געווען אַן איינהייטלעכע.

דער קאָמענדאַנט פון אונדזער קאָמפּאַניע איז דאַן געווען ק אַ ר אָ ל ג ו ט מ אַ ן. דער פּאָליט־קאָמיסאַר — מ י ש אַ ר ע ג ע ר. שוין דאַן זענען געווען אין אונדזער קאָמפּאַניע אַ גאַנצע רײ יידישע פרייוויליקע, ווי שלמה עלבוים, וויינטרויב, לאַרענטאַ, ליפשיץ, אליהו ערליך, איך און פיל אַנדערע.

אונדזער קוואַרטיר האָט זיך געפונען אין אַ שול. דאָ האָבן מיר פאַרפולקאָמט אונדזערע מיליטערישע קענטעניש און זיך באַקענט מיט די פּאָליטישע פּראָבלעמען.

אונדזער קוואַרטיר איז געוואָרן אַן אמתע שול פאַר אונדז אַלעמען, דאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון דעם ביאַליסטאָקער יידישן קאָמוניסט און דעם פּאַריזער אַרבעטער־טוער, דעם קאָמענדאַנט פון אונדזער קאָמפּאַניע ג ו ט מ אַ ן און דעם פּאָליט־קאָמיסאַר ר ע ג ע ר. מיר

האָבן זיך אויך באַקענט מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. העלפֿנדיק איר אין דער אַרבעט. עס זענען אויך פֿאָרגעקומען געמיינזאַמע פֿאַרזאַמלונגען, וווּ אונדזער פּאָליט־קאָמיסאַר (וועלכער האָט זייער גוט באַהערשט שפּאַניש) האָט דערציילט וועגן פּוילן און דער ראָל פֿון דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע.

סוף אָקטאָבער 1937, האָט אונדז באַזוכט דער יידישער קאָמוניסטישער טוער פֿון פֿראַנקרייך, זשאַק קאַמינסקי. אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון יידישע פֿרייוויליקע איז געשטעלט געוואָרן די פֿראַגע פֿון גרינדן אַ יידישע איינהייט אין שפּאַניע, ביי דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע.

די הויפּט־סיבה פֿון גרינדן אַזאַ איינהייט איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן אין די ווערטער פֿון חבר גאַללאָ. עס זענען אויך געווען אַנדערע סיבות. איינע פֿון זיי איז אויך געווען די נויטווענדיקייט צו קאָנצענטרירן און מאָביליזירן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אין קאַמף קעגן פֿאַשיזם, פֿאַרלייכטערן די מאַסן־אַרבעט פֿון די יידישע הילפֿס־קאָמיטעטן פֿאַר שפּאַניע א. א. וו.

די אָנפֿירונג פֿון די אינטערבריגאַדעס האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ יידישע איינהייט אין דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע, אויך דערפֿאַר, כּדי צו באַווייזן די מעגלעכקייט פֿון ברידערלעכן צוזאַמענלעבן פֿון פּאָליאַקן, יידן און אוקראַינער און אַנטקעגנשטעלן עס דער פֿאַשיסטישער ראַסן־פּאָליטיק פֿון דער דעמאָלטיקער פּוילישער רעגירונג.

די פֿראַגע איז נאָר געשטאַנען אין וועלכן באַטאַליאָן פֿון דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע זאָל די יידישע איינהייט אַנטשטיין. פֿון אָנהייב האָט די בריגאַדע־אָנפֿירונג געפּלאַנט צו שאַפֿן זי אין „מיצקעוויטש“־באַטאַליאָן און דער קאָמענדאַנט קאַראָל גוטמאַן האָט געדאַרפֿט איבערגיין צום אויבנדערמאָנטן באַטאַליאָן. גוטמאַן האָט זייער נישט געוואָלט איבערגיין אין אַ צווייטע באַטאַליאָן און ער האָט פֿאָרגעלייגט, אַז די יידישע איינהייט זאָל ווערן די צווייטע קאָמפּאַניע פֿון „פּאַלאַפֿאָקס“־באַטאַליאָן, וועלכע האָט שוין דאַן געהאַט אַ יידישע אָנפֿירונג און אַ געוויסע צאָל יידישע פֿרייוויליקע.

אומגעפֿער אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל אָפּצומאַרשירן אויפֿן פֿראָנט, און אין די ערשטע טעג פֿון דעצעמבער 1937

יאָר האָבן מיר פאַרנומען די פּאָזיציע אויפן אַראַגאָנער פראָנט, ביי טאַרדיענטע.

פאַר אַ סך פון אונדז איז עס געווען דער ערשטער פראָנט, אָבער אין אונדזער קאָמפּאַניע האָבן זיך געפונען אַ סך אַלטע קעמפער, ווי גוטמאַן, עלבוים, ווינטרויב, פּאַלושקעוויטש, שימאַנסקי א. אַנד., וועלכע האָבן שוין געקעמפט אויף פאַרשידענע פראָנטן אין שפּאַניע.

.2

אונדזער באַטאַליאָן האָט פאַרנומען אויפן טאַרדיענטע־פראָנט אַ פּאָזיציע אויף אַ שטח פון עטלעכע קילאָמעטער. די אָקאָפּעס פון אונדזער קאָמפּאַניע האָבן זיך געפונען אין אַ באַרג־געגנט, וועלכע מען האָט גערופן „סאַנטאַ קיטעריאַ“. דער פראָנט איז געווען אַ רואיקער, פון צייט צו צייט האָט מען זיך איבערגעשאָסן, אָבער פון צייט צו צייט האָט מען זיך אויך מיט די פאַשיסטן „דורכגערעדט“. די פאַשיסטישע פּאָזיציעס זענען געווען נאָר עטלעכע צענדליק מעטער ווייט פון אונדזערע. עטלעכע הונדערט מעטער פון די אָקאָפּעס, אויף אַ בערגל, אין אַ קליין הייזעלע האָט זיך געפונען די אָנפירונג פון אונדזער קאָמפּאַניע. דער פעלדטעלעפאָן האָט אונדז כסדר פאַרבונדן מיט די סעקציעס פון אונדזער קאָמפּאַניע און אַנדערע איינהייטן פון אונדזער באַטאַליאָן.

נאָר ביז צו דעם הייזעלע האָט מען געקאָנט צופירן די באַשפּייזונג און אַמוניציע און פון דאָרטן האָבן די יאַטן געמוזט עס צעטראָגן מיט זייערע אייגענע מיטלען.

זייער אַקטיוו אויפן פראָנט זענען געווען אונדזער קאָמענדאַנט און פּאָליט־קאָמיסאַר. ביינאַכט, טאָג אויס טאָג איין האָבן זיי באַזוכט די יאַטן אין די אָקאָפּעס און דעם באַטאַליאָן־שטאַב, וועלכער האָט זיך געפונען עטלעכע קילאָמעטער פון אונדזערע פּאָזיציעס. די נאַכט־אינספּעקציעס האָט זייער ליב געהאַט אונדזער פּאָליט־קאָמיסאַר מישאַ, וועלכער האָט נישט געקוקט אויף זיין קורצזיכטיקייט, ביז שפּעט אין דער נאַכט געשפּאַנט מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און מיט דעם אָנגעלאָדענעם „שפּייער“ פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע. דאָ האָב איך מיט דעם פאַרבינדער פון אונדזער קאָמפּאַניע, מיט מאַרצין שימאַנסקי געוואַכט אין אָנפירונגס־פּונקט פון אונדזער קאָמפּאַניע.

.3

אַ טריבער טאָג איז געווען אויפן פראָנט דעם 12-טן דעצעמבער 1937. די זון האָט דאַן נישט געשיינט ביי טאַרדיענטע. אַ קילער ווינט האָט געבלאָזן אַרום דעם הייזל, וו ס'האָט זיך געפונען דער אָנפירונגס-פונקט פון אונדזער קאָמפּאַניע, ווען עס האָט אַליאַרמירט דער טעלעפאָן.

קאַראָל גוטמאַן, דער קאָמאַנדיר פון דער קאָמפּאַניע, האָט אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן-טרייבל. מיר האָבן נאָר געהערט ווי קאַראָל האָט קורץ געענטפערט: „גוט — צום באַפעל!“ און אַוועקלייגנדיק דאָס טעלעפאָן-טרייבל, האָט ער אונדז איבערגעגעבן, אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועלן זיין ביי אונדז די חברים מ י ע ט ע ק (דער פּאַרטייאישער פאַראַנטוואָרטלעכער פון דער „האָמבראָווסקי“-בריגאַדע) און דער חבר ג ר ש ו ן ד ו אַ, וועלכע וועלן אונדז אין נאָמען פון דער אָנפירונג פון דער „דאָמבראָווסקי“-בריגאַדע איבערגעבן דעם באַשלוס און באַפעל וועגן דער פאַרוואַנדלונג פון אונדזער קאָמפּאַניע אין אַ יידישער אייגהייט, וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען פון דעם יידישן העלדישן קאָמוניסט נפתלי באָטווין.

אין הרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צו טונקלען, און עס איז געווען געגנט קאַלט. אָבער די ידיעה האָט אונדז עלעקטריזירט און מיר האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויף אונדזערע חשובע געסט. נישט לאַנג וואַרטנדיק האָבן מיר דערזען ווי זיי דערנעענטערן זיך צו אונדזער הייזעלע.

נאָך אַ האַרציקן מיליטערישן גרוס און קורצן ווערטער-אויסטויש, האָט דער קאָמענדאַנט גוטמאַן און דער קאָמיסאַר מישאַ באַגלייט די געסט צו דער פּאָזיציע און אין דער אָקאָפּע פון דער סעקציע, אָנגעפירט דורכן בעלעמער קאָמוניסט שלמה עלבוים, וו עס איז שוין געווען פאַרזאַמלט דער גרעסטער טייל סאָלדאַטן פון דער קאָמפּאַניע.

נאָך האַרציקע באַגריסונגען מיט באַקאַנטע און אַלטע פריינד, גיבן די חברים מיעטעק און גרשון אין קורצן איבער דעם באַפעל וועגן דער גרינדונג פון דער „באָטווין“-קאָמפּאַניע. אויך דאַן פאַרגעסן נישט די פאַשיסטן אין אונדז און שטערן אונדזער שמחה. אונדזער קאָמענדאַנט גיט איבער דורכן טעלעפאָן פראָנט-באַפעלן און מיר הערן ווייטער דאָס לייענען פון דעם טאָג-באַפעל.

ענג, צוגעדריקט איינער צום צווייטן, איינגעבויגן שטייען — יידן, פּאַליאַקן, שפּאַניער און הערן זיך צו ווי דער חבר גרשון-דואַ רעדט וועגן

דעם קאַמף און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם, וועלכער פאַרפליכטעט די „באָטווינצעס“.

אין דער פינצטערער אָקאָפע ווערט פאָרגעלייענט דער טאָג־באַפעל וועגן שאַפן די „באָטווין“־קאָמפאַניע, וועלכער באַשטעטיקט די נויטווענדיקייט פון גרינדן אַ יידישע מיליטערישע איינהייט אין שפאַניע, כדי צו באַווייזן דער גאָרער וועלט, אַז יידן קענען קעמפן מיט געווער אין האַנט, אַז זיי קענען זייער לעבן מקריב זיין פאַר פרייהייט, אַזוי ווי אַלע פעלקער.

אָט וואָס מיר לייענען אין דעם טאָג־באַפעל:

טאָג־באַפעל

שטאַב פון דער 13־טער בריגאַדע „דאָמבראָווסקי“.

חברים סאָלדאַטן, אָפיצירן און קאָמאַנדירן פון דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע!

חברים יידישע פרייוויליקע!

היינט, דעם 12 דעצעמבער 1937 איז צו אונדזער רומפולער משפחה פון אַנטיפאַשיסטישע קעמפער צוגעקומען די יידישע קאָמפאַניע אויפן נאָמען פון נפתלי באָטווין.

אונדזער בריגאַדע, אַלע אונדזערע פרייוויליקע, זענען זינט דעם ערשטן טאָג פון אָנקומען אויף דער שפאַנישער ערד (פריער אַלס קאָמפאַניע, שפעטער אַלס באַטאַליאָן און איצט אַלס בריגאַדע) געווען און פאַרבליבן איין גרויסע ברידערלעכע משפחה, וואָס פאַראייניקט אַלע אונדזערע קעמפער — פאָליאַקן, דייטשן, ווייסרוסן, אוקראַינער, יידן, אונגאַרן, שפאַניער און אַלע אַנדערע.

דער געמיינזאַמער קאַמף, דאָס בשותפותדיק פאַרגאָסענע בלוט, האָט אונדז אַלעמען נאָך מער דערנענטערט און געלערנט קעגנזייטיק זיך ליב צו האָבן און צו שעצן. אונדז, אַלע אַנטיפאַשיסטן, אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט און פאָליטישער איבערצייגונג, האָט געאיי־

ניקט און אייניקט ווייטער איין גרויסער ציל: דער קאַמף קעגן פאַשיזם, ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, דער קאַמף פאַר אַ פריי פאָלקס־שפּאַניע, פאַרן באַפרייען די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט און פאַשיסטישער בעסטיאַליטעט, אין קאַמף „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט“ האָבן זיך געגעבן די הענט — די אַנטיפאַשיסטן פון אַלע פעלקער.

צווישן די פרייוויליקע פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס און ספּעציעל אין דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע האָבן די יידישע פרייוויליקע זיך אויסגעצייכנט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט מיט זייער העלדישקייט, קאַמפסגרייטקייט און איבערגעגעבנקייט אין קאַמף קעגן פאַשיזם.

ביי מאַדריד, גוואַדאַלאַכאַראַ, הועסקאָ, ברונעטע, סאַראַגאָסאַ — אומעטום, וווּ אונדזער בריגאַדע איז אַרויסגעטראָטן אין קאַמף מיט דעם טויט־פיינט פון דער מענטשהייט דעם פאַשיזם, זענען די יידישע פרייוויליקע געווען אין די ערשטע רייען, געבנדיק אומעטום אַ ביישפּיל פון העלדישקייט און אַנטיפאַשיסטישן באַוווסטזיין.

אונטערשטרייכנדיק די גרויסע ראָל און באַדייטונג פון די יידישע פרייוויליקע אין דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע, ערנדיק דעם אָנדענק פון די געפאַלענע יידישע קעמפער פאַר פרייהייט, באַשטימען מיר די 2־טע קאָמפּאַניע פון העלדישן פוילישן באַטאַליאָן „פּאַלאַפאַקס“ אַלס יידישע קאָמפּאַניע אויפן נאָמען פון נפתלי באָטווין.

באָטווינס אָנדענק איז אונדז אַלעמען טייער. דער נאָמען באָטווין איז דער נאָמען פון אַ יידישן אַרבעטער פון פוילן, וועלכער האָט מקריב געווען זיין יונג לעבן אין קאַמף קעגן רעאַקציע און פאַשיזם, קעמפנדיק מוטיק און שטאַרבנדיק העלדיש, פאַרמשפּט צום טויט דורכן פאַשיסטישן געריכט.

זיין נאָמען איז געוואָרן אַ סימבאָל און ביישפּיל פון העלדישן קאַמף פון די יידישע פאָלקס־מאַסן „פאַר אייער

און אונדזער פֿרייהייט", אַ סימבאָל פֿון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און פֿאַרברידערונג פֿון די פֿעלקער.

12־טער דעצעמבער 1937.

קאָמענדאַנט פֿון דער 13־טער „דאָמבראָווסקי־בריגאַדע.

(—) יאַנעק באָרווינסקי

פּאָליט־קאָמיסאַר פֿון דער 13־טער „דאָמבראָווסקי־בריגאַדע.

(—) סמאַך מאַטושטשאַק

צום סוף האָט דער חבר גרשון דואַ אין וואַרעמע ווערטער גערופֿן אַלע סאָלדאַטן פֿון דער קאָמפּאַניע צו טראָגן הויך די באָטווין־פֿאָן.

די „באָטווינצעס" האָבן מיט אויפֿגעהויבענע, פֿאַרשלאָסענע פֿויסטן געענטפֿערט מיטן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". זיי האָבן געזעגנט די געסט מיט פֿאַרביסענע ליפּן און אויפֿגעהויבענע פֿויסטן — דער אויסדרוק פֿון גרייטקייט צום קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן פֿאַשיזם.

ס'איז שוין געווען פֿינצטער, ווען די געסט האָבן פֿאַרלאָזן די אָקאָפּעס פֿון דער קאָמפּאַניע, אָבער אין די מוחות פֿון די יידישע קעמפֿער, וועלכע זענען שוין דאָ געווען אין דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע — שלמה עלבוים, אליהו ערליך, ליפּשיץ און אַנדערע האָט זיך אָנגעצונדן אַ פֿלאַם, דערמאָנענדיק זיך אין דעם יידישן קאַמאַשנמאַכער, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זיין יונג לעבן אין קאַמף פֿאַר אַ בעסערן מאָרגן. זיי האָבן זיך דערמאָנט ווי מוטיק ער האָט אויסגעפֿירט דעם באַפֿעל פֿון דער קאָמפּאַרטיי און האָט דערשאָסן דעם פּראָוואָקאַטאָר צעכנאָווסקי און, אַ פֿאַרבונדענע אויגן אַנטקעגנגעגאַנגען דעם טויט. דער יונגער יידישער רעוואָלוציאָנער נפתלי באָטווין האָט געלערנט קעמפֿן און ווען ס'איז געווען נייטיק — צו שטאַרבן פֿאַר פֿרייהייט און אַ גערעכטער אידעע.

אין דעם אָוונט פֿון דעם 12־טן דעצעמבער, שפּעט, שפּעט ביינאַכט האָט מען געקאָנט הערן אַ שעפּטשען — דאָס האָבן די יידישע פֿרייוויליקע שטילערהייט דערציילט אין די אָקאָפּעס זייערע נישט־יידישע חברים די געשיכטע פֿון דעם העלדישן יידישן קאָמוניסט, נפתלי באָטווין.

דעם אָוונט איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון XX יאָרהונדערט, געגרינדעט געוואָרן אויף דער שפּאַנישער ערד, אַ יידישע מי־

קימערישע אײנהײט און די שפּאַנישע סאָלדאַטן האָבן צום ערשטן מאָל אין זײער לעבן געזען אַ ײדן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט, ליגנדיק אונטער דער דעקן מיט דעם פּױלישן קױלנגרעבער פון פראַנקרײך, מאַרטשין שימאַנסקי, האָבן מיר גערעדט װעגן באַטװינען און װעגן אונדזער גײער אײנהײט, די „באַטװין“-קאָמפּאַניע.

דאָ זענען אין אונדזער קאָמפּאַניע געװען אַן ערך 80 מאַן. אױסער די שפּאַניער, װעלכע זענען געװען די מערהײט פון דער קאָמפּאַניע, זענען געװען אַ צענדליק ײדישע און א צענדליק פּױלישע פרײװיליקע.

צװישן די ײדישע זענען געװען (אױסער די, װעלכע כ׳האָב שױן אױסגערעכנט) בליצבלױ, אַלעק נוס, שלמה װײנטרױב, רובעל און אַנדערע.

פון די פּױלישע פרײװיליקע זענען דאָ געװען: פראָנטשאַק, באַנאַשעשאַק, עדמונד מאַרטשיניאַק, בערנאַרד דרױװא, גאַלאַנט, פּאַלושקעװיטש און אַנדערע. אין אונדזער קאָמפּאַניע האָבן זיך דאָ אױך געפונען דער העלדישער גריך פּאַנגאַלאָס און דער איטאַליענער כריסטיאַן.

פון די שפּאַניער פון יענער צײט איז מיר געבליבן אין זכרון דער יונגטלעכער פון אַנדאַלוזיע — קאַמפּילאָ כאָזע — אַ פרײװיליקער, אַ קאָמוניסט, 19 יאָר אַלט, 16 חדשים אָן אױפהער אױפן פראָנט.

אַזױ האָט זיך אָנגעהױבן די עקזיסטענץ פון דער ײדישער מיליטערישער אײנהײט אין שפּאַניע — פון דער „דאָמבראָװסקי“-קאָמפּאַניע.

.4

אױף דעם טאַרדיענטער פראָנט איז געװען קאַלט. בײנאַכט פלעגט פאַלן אַ שנײ. גישט אַלע האָבן געהאַט שינעלן און דעקעס, אָבער זעלטן װער האָט געקרעכצט. די דיסציפּלין איז געװען אַ גוטע און דער הומאָר איז געװען אַן אױסגעצײכנטער.

אונדזערע אָקאָפּעס זענען געװען אַן ערך אַ 100 מעטער פון די פאַשיסטישע — זײ זענען געזעסן אױפן באַרג „הערמיטאַ“, װעלכער האָט דאָמינירט איבער אונדזערע פּאָזיציעס, בײ די פאַשיסטן זענען געװען אַ סך איטאַליענער.

פון צײט צו צײט, ספּעציעל אין די אָװנטן, האָבן זײ געפּרוּװט אונדזן פּראָװאָצירן און ס׳האָט זיך אָנגעהױבן אַ קורצע שיסערײ. אָבער אין אַל-

געמיין איז דער פראָנט געווען אַ רואיקער. אַזוי זענען מיר אויף דעם פראָנט-אָפּשניט געזעסן בערך אַ דריי וואָכן, אָן שום פאַרלוסטן.

דעם 23-טן דעצעמבער 1937, האָבן מיר צוזאַמען מיט אַנדערע איינהייטן פון אונדזער באַטאַליאָן פאַרלאָזט דעם פראָנט און מיר זענען צוריקגעפאָרן קיין בינאַסער. דאָרט האָט מען אונדז נישט אָפיציעל אויפגעקלערט, אַז די הויפּט-סיבה פון אונדזער זיין אויפן טאַרדיענטער פראָנט איז געווען אַ טויש-מאַנעווער. אונדזער מיליטערישער שטאַב האָט געוואָלט אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַשיסטן פון טערועלער פראָנט, וווּ אין יענער צייט זענען פאָרגעקומען פאַרביטערטע קאַמפן צווישן אונדזערע כוחות און די פאַשיסטן. מיר האָבן ווירקלעך פאַרלאָזן דעם טאַרדיענטער פראָנט נאָכדעם ווי אונדזער אַרמיי האָט זיגרייך פאַרנומען טערועל.

דאָס איז זיכער אויך געווען די סיבה פאַרוואָס דער טאַרדיענטער פראָנט איז געווען אַזאַ שטילער. אין די אָקאָפּעס פון טאַרדיענטע האָבן אונדז די שוין אויסגעפּרוווטע סאָלדאַטן ווי פּאַלושקעוויטש, עלבוים און אַנדערע דערציילט, ווי עס זעט אויס אויפן פראָנט ווען ער איז נישט אַזוי רואיק ווי דאָ.

מיר, „גרינע“, האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן דירעקטן קאַמף מיטן שונא.

אין די שטעטלעך אַרום אונדז האָבן זיך געפונען אַנדערע איינהייטן פון דער „דאָמבראָווסקי“-בריגאַדע, די באַטאַליאָנען „ראַקאָשי“, „דאָמבראָווסקי“, „מיצקעוויטש“. די צייט האָבן מיר אויסגענוצט נישט נאָר צום פאַרפולקאָמען דאָס מיליטערישע וויסן — נאָר מיר האָבן זיך אויך באַקענט מיט אַנדערע איינהייטן פון אונדזער בריגאַדע און מיט דער שפּאַנישער באַפעלקערונג. זייער נאָענט האָבן מיר געלעבט מיט די אוקראינער פון דער „שעווטשענקאָ“-קאָמפּאַניע פון אונדזער באַטאַליאָן. דער קאָמיסאַר פון דער שעווטשענקאָ-בריגאַדע שימאָן קראַיעווסקי איז געווען איינער פון די בעסטע פריינד פון אונדזער קאָמפּאַניע.

מיט אונדזער קאָמפּאַניע האָט זיך אויך זייער אינטערעסירט דער קאָמענדאַנט און דער פּאָליט-קאָמיסאַר פון אונדזער באַטאַליאָן „פּאַלאַפאָקס“, די חברים יאַן טקאַטשאָוו און סטאַשעק טאָמאַשעווסקי. אָפט פלעגן זיי אונדז באַזוכן און זיך אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע אין אונדזער קאָמפּאַניע.

דעם 30 דעצעמבער 1937 האָבן מיר אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער פון דער „באָטווין“-צייטונג. מיר האָבן באַקומען אַ יידישע שרייב-

מאַשין פון פּאַריז, און אין זייער פּרימיטיווע באַדינגונגען האָבן מיר אויף אַ העקטאָגראַף אָפּגעקלאַפּט עטלעכע צענדליק נומערן פון דער צייטונג. די צייטונג האָט אַרויסגערופן אַ פרייד ביי אַלע יידישע פּרייוויליקע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פאַרשידענע איינהייטן, צעשפּרייט אויף אַלע שלאַכט־פעלדער אין שפּאַניע. שוין דער ערשטער נומער האָט שנעל פאַרבונדן די יידישע פּרייוויליקע פון אַנדערע איינהייטן מיט דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע. אין יענער צייט פלעגן אָפּט באַזוכן די „באָטווין“־קאָמפּאַניע פאַרשידענע יידישע פּרייוויליקע פון דער אַמעריקאַנער „לינקאָלן“־בריגאַדע, און זייער אָפּטע געסט זענען געווען די יידישע פּרייוויליקע פון די אַנדערע באַטאַליאָנען פון דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע, ווי די חברים יצחק קליגער, טוביה אייזען, דאַוויד שמולעווסקי, סענדער סקזשיניאַ און אַ סך אַנדערע.

זייער אָפּט האָבן מיר צוזאַמען פאַרבראַכט אין די אָוונטן ביי שפּאַנישע פאַמיליעס אָדער אין די קאַוויאַרניעס, ווו מיר האָבן זיך אַדורכגעשמועסט וועגן דער פּאָליטישער און קולטורעלער אַרבעט פון דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע.

די באַפעלקערונג פון אַראַגאָן איז דאַן מייסטנס באַשטאַנען פון מיטעלע און אָרעמע פּויערים, וועלכע האָבן אונדז זייער גוט באַהאַנדלט. מיר האָבן מיטגעאַרבעט מיטן פאָלקס־פראָנט־קאָמיטעט, אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע מאַניפעסטאַציעס און מיטינגען. אין יענער צייט האָט אונדזער פּאָליט־קאָמיסאַר מישאַ רעגער געהאַלטן אַ רעפעראַט אין דאָרטיקן פאָלקס־הויז פאַר דער באַפעלקערונג וועגן דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע און דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע. מיט באַוווּנדערונג האָבן די אַראַגאָנער פּויערים אויסגעהערט דעם רעפעראַט וועגן אַ יידישער מיליטערישער איינהייט אין שפּאַניע. זיי האָבן זיכער צום ערשטן מאָל געהערט דעם אמת וועגן דעם יידישן פאָלק און וועגן קאַמף פון די יידישע פּרייוויליקע פאַר אַ פרייע און דעמאָקראַטיש שפּאַניע.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין קאַסאַס איבאַנעז (דאָס איז געווען אַ געגנט, ווו מען האָט מיליטעריש געשולט די ניי־אָנגעקומענע פּרייוויליקע) געגרייט אַ גרויסע גרופּע פון יידישע פּרייוויליקע אָפּצופאָרן, כדי צו פאַרשטאַרקן די „באָטווין“־קאָמפּאַניע. די גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון איבערגעגעבענע יידישע אַנטיפאַשיסטן פון פּוילן, פראַנקרייך און פּאַלעסטינע, איז זייער אָפּט באַזוכט געוואָרן פון חבר גרשון דואַ,

וועלכער האָט זיי אָרגאַניזירט צו די קאַמפן אין דער „באָטווין“=
קאָמפּאַניע.

.5

אין יענער צייט האָט זיך די לאַגע אויף פאַרשידענע פראָנטן פאַר=
ערגערט. די פאַשיסטן האָבן צוריקגענומען טערועל, און אין אַלגעמיין
האָט די „נישט=אינטערווענץ“=פּאָליטיק אָפּגעשוואַכט אונדזער מיליטע=
רישן כוח אין פאַרגלייך צו דעם כסדר וואַקסנדיקן כוח פון די פאַשיסטן.
דאַן האָט דער שטאַב פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי באַשלאָסן דורכ=
צופירן אַן אָפּענסיווע אין עסטראַמאַדורע, אין דער ריכטונג פון דער
פּאָרטוגאַלישער גרענעץ, ביי באַדאַכאָז. דער ציל פון דער אָפּענסיווע איז
געווען, עווענטועל דורכשניידן דאָס פאַשיסטישע שפּאַניע אין צוויי טיילן.
אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זענען מיר צוזאַמען מיט אונדזער באַ=
טאַליאָן, דעם 5=טן פעברואַר 1938, פאַרלאָדן געוואָרן אויף אַ צוג אין
אַלקאַניז, מיט וועלכן מיר זענען געפאָרן עטלעכע טעג קיין אַלמאַדען און
פון דאָרט האָבן מיר מאַרשירט קיין בעל=אַלקאַזאַר.
אין בעל=אַלקאַזאַר האָבן מיר זיך דעם 13=טן פעברואַר געטראָפן
מיט דער נייער גרופּע פון 53 יידישע פרייוויליקע, וועלכע זענען געקומען
צו אונדז פון קאַסאַס=איבאַניעז. זיי האָבן אונדז אויך מיטגעבראַכט די
פאָן פון דער „באָטווין“=קאָמפּאַניע, וועלכע עס האָבן אונדז איבערגעשיקט
די יידישע פאָלקס=אָרגאַניזאַציעס פון פראַנקרייך.
אין דער גרופּע האָבן זיך צווישן אַנדערע געפונען, מ. באָרענשטיין,
ביעלינקי (אַ לינקער פּועלי=ציוניסט), זישע בירנצווייג, אשר גרושקאַ —
„טוגוט“, יוסף קאַנטאָר, שלמה ליבער (אַ בונדיסט), זשעפּקאָוויטש, וועל=
כע זענען געקומען דירעקט פון פּוילן; אַרעק אַראָנזאָן, פסח לעכטער,
זישאַק גוטמאַן, לייבל טיגער, ליסנער, וועלכע זענען געקומען פון פראַנק=
רייך; עלי=עבדאל באַלאַק, פאַוזי (אַראַבישע קאָמוניסטן) און יוסף שני=
ציער, שטאַדלער, יוסף בריקנער, יצחק יאָפּע פון פּאַלעסטינע.

.6

די גרופּע, וועלכע איז אָנגעקומען אין אונדזער קאָמפּאַניע פון קאַ=
סאַס איבאַניעז איז געווען גוט אָרגאַניזירט און איז געווען דער רוקן=ביין
פון דער „באָטווין“=קאָמפּאַניע.

די אַקטיוויסטן פון פוילן, פראַנקרייך און פּאַלעסטינע האָבן אין דער גרופּע געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל און זייער אָנקומען האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער „באַטאַליאָן“-קאָמפּאַניע.

די גרעסטע זאָרג, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט די ניי-אָנגעקומענע איז געווען — פונוואַנען נעמען פאַר זיי געווער און אַמוניציע, קליידונג. דאָס וואָס מיר האָבן באַקומען איז נישט געווען גענוג פאַר אַלעמען. נישט געקוקט דערויף, האָט אין דער גרופּע געהערשט אַן אויסערגעוויינ-לעכער ענטוזיאַזם.

דעם 15-טן פעברואַר 1938 זענען מיר אָנגעקומען קיין פּערעלעדאַ. אַ מייל פון דעם וועג האָבן מיר דורכגעמאַכט צופוס. פול מיט לעבן און פרייד זענען מיר אין אָוונט אָנגעקומען אין שטעטל, פונוואַנען מיר האָבן געהאַט אַרויס אויפן פראָנט.

דער אָוונט איז געווען אַ קילער, אַ ווייסער טויגעפּריר האָט באַדעקט די דעכער פון דעם קליינעם עסטרעמאַדורער שטעטעלע פּערעלעדאַ. פּי-בערהאַפט האָבן זיך די יאַטן געגרייט צום קאַמף, וועלכער האָט זיך גע-דאַרפט אָנהייבן אין עטלעכע שעה אַרום.

דער באַפעל איז געווען: „זיין גרייט!“

אוגדזער קאָמענדאַנט קאַראָל גוטמאַן האָט געהאַט פולע הענט אַר-בעט, אים האָט געהאָלפן זיין גוטער פריינד, דער פּאָליט-קאָמיסאַר מישאַ. זיי האָבן צוגעטיילט די ניי-אָנגעקומענע אין די שוין עקזיסטירנ-דיקע פּלוטאָנען, וועלכע זענען געווען אָנגעפירט דורך די סערזשאַנטן: שלמה עלבוים (אַ קאָמוניסט פון כעלם), ישראל האַלבערשטבערג (אַ גע-וועזענער לעגיאָנער, אַן אומפּאַרטייאישער), קריסטיאַן (אַן איטאַליענישער אַנטיפאַשיסט) און וויינטרויב (אַ ראַדאָמער קאָמוניסט).

יעדער איינער האָט באַקומען אַן „איזערנע“ פּאַרציע באַשפּייזונג, פּאַפּיראָסן, קאָניאַק און געוואַרט אויף ווייטערדיקע באַפעלן. ווער פון די יאַטן האָט דאַן געקאָנט שלאָפן? זיכער קיינער נישט.

פינצטער איז געווען אין די ציטערלעך, וו די יאַטן זענען געלעגן — נאָר די רויכערנדיקע פּאַפּיראָסן האָבן געפינקלט. אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן פון די בערג סיערראַ דע קעמאַדאַ. אַלע בליקן זענען געווען גע-ווענדט אין יענער ריכטונג. פון דאָרטן האָט געלויערט דער שונא. פון דאָרטן וועלן מיר, אין אַ פּאָר שעה אַרום, דעם שונא אַטאַקירן.

אַ קליין ליכטל האָט געברענט אין דעם צימערל, וווּ איבער אַ מאַפּע איז געזעסן די אָנפירונג פון דער קאָמפּאַניע מיט די פּלוטאָן־פירער. קאַראָל גוטמאַן גיט קורצע באַפעלן און ווייזט אויף דער קאַרטע די פּלוטאָן־לייטער זייער אָרט אין קאַמף. זיי פאַרזאַמלען שטילערהייט זייערע סאָלדאַטן און גיבן זיי איבער די קאַמפס־אויפגאַבן. אַלץ איז גרייט, מען וואַרט נאָר אויפן ווייטערדיקן באַפעל „צום אַטאַק!“

אַלע ליגן שטיל — אין יעדן מוח גייען דורך פאַרשידענע געדאַנקען, אין יעדן האַרצן — פאַרשידענע געפילן. אליהו ערליך טוישט מיט מיר אויס עטלעכע ווערטער, מיר גיבן זיך איבער קעגנזייטיק ביטעם צום דערלייזיקן אין פאַל...

נאָכן געזעגענען זיך מיט אליהו ערליך האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אויף מיין אָרט נעבן מאַרטשין שימאַנסקי, נישט ווייט פונעם ליכטל, ביי וועלכן עס האָט איינגעדרימלט אין זיין פאָרלעצטן אייביקן שלאָף אונדזער קאָמענדאַנט קאַראָל גוטמאַן.

כאָטש כ'בין מיט אים געשלאָפן כמעט דריי מאָנאַטן אונטער איין דאַך, האָב איך אים אין דעם אָוונט נישט דערקענט. דער האַרציקער ביאַליסטאָקער אינטעליגענט, וועלכער איז געווען אַ גוטמוטיקער אין כאַראַקטער, זייער אַן איידעלער און זעלטן ווען מען האָט אים געקאָנט זען אַן אויפגערעגטן, איז אין דעם אָוונט געווען שטרענג און האַרט. מען האָט געפילט, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ מיליטערישן קאָמאַנדיר.

פאַר קאַראָלן איז דער עסטראַמאַדורער פראָנט נישט געווען דער ערשטער אין שפּאַניע. אָבסערווירנדיק אים דאַן — האָט מען געקאָנט פון זיין פּנים לייענען — אַנטשלאָסנקייט, פאַרביסנקייט און אומבאַגרענעצטע קאַמפס־גרייטקייט.

וואָס האָט קאַראָל דאַן, אין די עטלעכע מינוט, ווען ער האָט געדרימלט, געחלומט אָדער געטראַכט, איז שווער צו וויסן. אפשר וועגן דעם, אַז ער האָט דעם כבוד אָנצופירן צום ערשטן מאָל אין 20־טן יאָרהונדערט מיט אַ יידישער איינהייט אין קאַמף קעגן דעם בלוט־שונא פון זיין פאָלק — דעם פאַשיזם. אָדער אפשר האָט ער גאָר געטראַכט וועגן זיינע נאָענטסטע, וועלכע לעבן העט ווייט־ווייט אין ביאַליסטאָק?

אַזייגער 3 פאַרטאָג, דעם 16־טן פעברואַר 1938 האָט קאַראָל זיך אויפגעוועקט און געגעבן דעם באַפעל „אין וועג אַריין! צום אַטאַק!“

.7

פון שטעטל פערעלעדא ביז צו די בערג פון „סיערראַ דע קעמאַדאַ“ איז געווען בערך צוויי קילאָמעטער. קאַלט איז געווען דער פרימאָרגן, ווען מיר האָבן זיך אין מאַרש דערנעענטערט צו זיי.

שטיל און רואיק האָבן מיר מאַרשירט. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן מיט אַנדערע איינהייטן פון אונדזער בריגאַדע, וועלכע האָבן אויך געדאַרפט אָנטיילנעמען אין דער אָפענסיווע.

די קייט פון די בערג האָבן זיך ווי פעלדזן געצויגן פאַר אונדזערע אויגן. אָן גרינס, אָן בייטער — ווי פון דער זון פאַרברענט — האָבן זיי אויסגעזען ווי דער כרמל און גלבוע.

פון דער רעכטער זייט פון אונדז איז אַדורך די „שעווטשענקאָ“-קאָמפּאַניע. מיר האַלטן זיך לינקס און דערנעענטערן זיך צום באַרג. דער מאָרגנשטערן איז שוין כמעט אויסגעלאָשן און פון איבער די בערג הייבן זיך אָן צו באַווייזן זונען-שטראַלן.

פּלוצלינג דערהערן מיר „הורראַ!“ דער סיגנאַל צום אַטאַק איז געגעבן געוואָרן דורך די איינהייטן, וועלכע האָבן זיך שוין אַריינגעריסן צום שונאס פּאָזיציעס. פון אַלע זייטן ווערט ער אַטאַקירט. דער שונא האָט זיך אויף דעם אָנגריף נישט געריכט און דעריבער גייען אַלע אונדזערע איינהייטן פאָרויס.

די „באָטווין“-קאָמפּאַניע פאַרנעמט די איר צוגעטיילטע פּאָזיציע און שטופּט פאָרויס דעם שונא, וועלכער שטעלט וואָס אַמאָל אַ גרעסערן ווידערשטאַנד. באַלד אין אָנפאַנג, ווי נאָר דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן, זענען שטערבלעך פאַרווונדעט געוואָרן יאָסקע שניצער און מאיר לעווי, דער אַראַבישער קאָמוניסט עלי אַבדעל באלאק, וועלכער פאַלט מיטן געשריי „זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי!“ און זיין ביקס נעמט גלייך איבער דער פּאַלעסטינער קאָמוניסט דוד עפּשטיין.

אין מאָמענט, ווען די קאָמפּאַניע רוקט זיך פאָרויס האָט מיר שלמה עלבוים איבערגעגעבן אַ גרופּע פאַשיסטישע געפאַנגענע אָפּצופירן אין שטעטל. און ווען איך בין אין אַ צוויי שעה אַרום צוריק אַרויף אויף דער דעראָבערטער פּאָזיציע, האָט שוין די פאַשיסטישע אַרטילעריע און מאָרטירערס מיט אַ האָגל פייער באַשאָסן אונדזערע פּאָזיציעס.

די זון האָט געברענט אין יענעם טאָג, ווען די „באָטווינצעס“ האָבן זיך צו ווייט אַרויסגערוקט און פאַרלוירן יעדע פאַרבינדונג מיט די אַנדערע

איינהייטן פון אונדזער בריגאַדע. די קלייגע גרופּע פון „באַטאַליאָניסטן“ האָט זיך איינגעגראָבן אין דער ערד און זעלבשטענדיק געקעמפט קעגן דער פאַשיסטישער קאַוואַלעריע.

ס'האָבן געזאָלט קומען צוהילף טאַנקען, אָבער זיי זענען נישט געקומען. קיינער האָט נישט געקאָנט העלפן, און צוריקציען זיך איז א באַפעל אין פאַר קאַראַלן געווען אוממעגלעך. די „שעוטשענקאָ“-קאָמפּאַניע, וועלכע האָט זיך אַרויסגערוקט צו ווייט, האָט אויך געהאַט גרויסע פאַרלוסטן, און דער קאָמענדאַנט און פּאָליט-קאָמיסאַר פון „פּאַלאַפאָקס“-באַטאַליאָן, די ח"ח מקאַטשאָוו און טאָמאַשעווסקי, וועלכע האָבן געאיילט און געוואָלט העלפן דער „באָטווין“-קאָמפּאַניע זענען אויפן וועג אומגעקומען.

אַ גאַנצן טאָג האָט די „באָטווין“-קאָמפּאַניע געקעמפט פּנים אל פּנים מיט אַ סך אַ שטאַרקערן שונא. ווען ס'האָט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן האָט די „באָטווין“-קאָמפּאַניע באַקומען דעם באַפעל זיך צוריקצוציען.

פון דעם ייגרייכן אָנגריף, וועלכער האָט אין דער פרי געוועקט אַזוי פיל ענטוזיאַזם און האָפענונג האָבן זיי זיך געמוזט צוריקציען מיט אַזוי פיל פאַרלוסטן. ווי נאָר ס'איז טונקל געוואָרן, האָבן זיך אונדזערע איינהייטן אָנגעהויבן צוריקציען קיין פערעלעדאַ.

אויף סיעראַ דע קעמאַראַ האָבן זיך באַוויזן די לעבנגעבליבענע „באָטווינצעס“, אָנגעפירט דורך זייער העלדישן פּאָליט-קאָמיסאַר מישאַ רעגער, וועלכער האָט אַ פאַרוווּנדעטער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אונטן זענען נאָך פאַרגעקומען שיסערייען, און די „באָטווינצעס“ זענען נאָך אַמאָל אַראָפּ, כדי עוואַקואירן עטלעכע פאַרוווּנדעטע.

דער ערשטער קאַמף פון דער „באָטווין“-קאָמפּאַניע איז שוין באַשריבן געוואָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. איינס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די קאָמפּאַניע האָט זיך דאַן אַרויסגערוקט צו ווייט, זי האָט געוואָלט פאַרנעמען אַ צווייטן באַרג מיטן דאָרף קאַמפּיליא דע לערנאַ, אָבער אָן פאַרזיכערונג פון די פליגלען איז די „באָטווין“-קאָמפּאַניע אָפּגעשניטן געוואָרן פון די איבעריקע טיילן פון דער בריגאַדע און אַרומגערינגלט געוואָרן פון מאַראָקאַנישער קאַוואַלעריע. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף מיטן שונא, וועלכער האָט כסדר באַקומען פאַרשטאַרקונגען. צוליב קלימאַטער אָן פאַרבינדונג מיט די איבעריקע מי-

ליטערישע אײנהײטן פֿון דער רעפּובליקאַנישער אַרמײ האָט די „באָטווין“-קאָמפּאַניע העלדיש געקעמפֿט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון איר העלדישן קאָמענדאַנט קאַראָל גוטמאַן, און ווען קאַראָל פֿאַלט, פֿירט די קאָמפּאַניע דער אומדערמידלעכער פּאָליט-קאָמיסאַר מישאַ רעגער, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן הויכן מיליטערישן וויסן און העלדישקייט.

שפּעט, זייער שפּעט אין אָוונט פֿון 16-טן פֿעברואַר 1938 האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט די לעבנגעבליבענע „באָטווינצעס“ נאָך דער העלדישער שלאַכט. שטיל איז געווען אַרום אונדז, פֿון 120 סאָלדאַטן, זענען מיר געבליבן 60 מאַן. אויסער עטלעכע, וועלכע זענען געווען אין פֿעלד-שפּיטאָל, זענען די איבעריקע „באָטווינצעס“ אויף אײביק געבליבן אין סיערראַ דע קעמאַדאַ, נישט ווײַט פֿון באַראַכאָס.

ס'איז שווער איבערצוגעבן אַלע פּרטים פֿון דעם העראָישן קאַמף פֿון די „באָטווינצעס“ אין דער ערשטער שלאַכט. אָבער ס'איז כדאַי איבערצוגעבן כאָטש עטלעכע עפּיזאָדן. ביעלינקע, אַ לינקער פּועלי-ציוניסט, אַ וואַרשעווער אינזשעניער, וועלכער איז געווען אַ טעלעפֿאָניסט אין דער „באָטווין“-קאָמפּאַניע, פֿאַרלאָזט נישט ביז זײַן לעצטן אָטעם דעם קאָמענדאַנט. ער שוט אַלײן, כּדי גוטמאַן זאָל קאָנען אײַנהאַלטן דעם טעלעפֿאָנישן קאָנטאַקט מיט די פּלוטאָנגען פֿון זײַן קאָמפּאַניע. ביעלינקע קעמפֿט בײַ דער זײַט פֿון גוטמאַנען, און צוזאַמען פֿאַלן זיי אויף זייער פּאָסטן.

באַקאַנט איז די העלדישע טאַט פֿון דעם קאָמוניסט אליהו ערליך. ווען די פֿאַשיסטן וואַרפֿן אויף דער פּאָזיציע, וווּ ס'געפֿינט זיך אליהו, גראַנאַטן, כאַפּט ער זיי אויף, איידער זיי עקספּלאָדירן, און וואַרפֿט זיי צוריק צו די פֿאַשיסטן. דערבײַ איז ער געוואָרן שטערבלעך פֿאַרוווּנדעט, אָבער ער האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון זײַנע חברים.

העלדיש זענען דאָן אומגעקומען אַ גרופּע „באָטווינצעס“, וועלכע האָבן איזאָלירט געקעמפֿט מיט דער מאַראָקאַנישער קאַוואַלעריע: יצחק יאָפּע, דינעס, עפּשטיין, דער פּועלי-ציוניסט אברהם מינק און שטאַדלער, וועלכער האָט זיך אויפֿגעריסן מיט אַ האַנט-גראַנאַט, אַבי נישט אַרײַנצופֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

האַלבערסבערג, אַ געוועזענער לעגיאָנער, אָבער זייער אַ דרייסטער קעמפֿער, וועלכער האָט אויף דעם פֿראָנט אַרויסגעוויזן העלדישקייט און מוטיקייט, האָט מיט זײַן פּלוטאָן גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט צוויי האַרמאַטן און 15 סאָלדאַטן מיט אַן אונטעראָפֿיציר און אַזוי אַרום אָפּ-

געשוואַכט דעם פּאַשיסטישן קאָנטר־אַטאַק קעגן דער „באַטווין"־קאָמ־פּאַניע.

אין דער ערשטער שלאַכט איז אויך געפֿאַלן סימאָן גוטמאַן, דער אַדמיניסטראַטאָר פֿון דער „נייער פּרעסע", פֿון פּאַריז, שלמה ליבער — אַ בונדיסט פֿון קראָקע, באַגאַשטשאַק, אַ קוילנגרעבער פֿון שלעזיע, בריסטיאַן, דער איטאַליענישער אַנטיפֿאַשיסט, דער אַראַבישער קאָמו־ניסט פּאַוזי, אַרטור האַלפּערן, דער גריך פּאַנגאַלאָס און אַ סך אַנדערע.

אַ גאַנצע נאַכט פֿון 16־טן אויפֿן 17־טן פֿעברואַר זענען מיר, לעבנ־געבליבענע, געלעגן אויפֿן זעלבן געלענגער, ווי מיט 24 שעה צוריק, פֿון וואַנען מיר זענען אַרויס צום קאַמף.

שווער איז געווען צו רעדן, נאָך שווערער איז געווען צו שלאָפֿן. יע־דער איינער פֿון אונדז האָט דאַן געטראַכט וועגן זיינע געפֿאַלענע חברים. שווער האָט באַצאָלט די „באָטווין"־קאָמפּאַניע ביי איר ערשטן נסיון אויפֿן עסטראַמאַדורער פֿראָנט.

.8

ווער זענען זיי געווען די העלדישע יידישע און נישט יידישע קעמ־פֿער פֿון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע, וועמענס בלוט האָט שטראָמענווייז געפֿלאָסן דעם 16־טן פֿעברואַר 1938 אויף דער פֿאַרברענטער ערד פֿון סיעררא דע קעמאַדאַ?

דער אַראַבישער קאָמוניסט עלי אַבדעל כאַלאַק, אַ בעקער־אַרבע־טער, געבוירן אין ירושלים. שוין אַלס יונגטלעכער געפֿינט ער זיך פֿון 1927 אין די רייען פֿון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פֿון דאַן אָן קעמפֿט עלי צוזאַמען מיט זיינע יידישע קאַמפֿס־חברים קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם. פֿון 1931 איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון דער אומלעגאַלער פּאַלעסטינער קאָמפּאַרטיי, פֿיל מאָל פֿאַרמשפּט און געזעסן אין די פּאַלעסטינער תּפֿיסות.

עלי איז תּמיד געווען איינער פֿון די מוטיקסטע קעמפֿער פֿון דער פּאַלעסטינער קאָמפּאַרטיי. קומענדיק קיין שפּאַניע האָט ער געוואָלט קעמפֿן אין דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע. מיט זיי האָט ער זיך געקאָנט פֿאַרשטענדיקן אפֿילו אין דער יידישער שפּראַך.

נישט ווייט פֿון אים איז שטערבלעך פֿאַרוווּנדעט געוואָרן מאיר לעווי. מאיר איז געקומען קיין פּאַלעסטינע פֿון מאַראָקאָ און איז גלייך אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ביעלינקע, אַ וואַרשעווער לינקער פּועלי־ציוניסט, אַן אינזשיניער, וועלכער איז געווען גוט איינגעאָרדנט, פֿאַרלאָזט די פֿאַמיליע, דאָס געשעפֿט און פֿאָרט קעמפֿן אויף די שלאַכט־פֿעלדער פֿון שפּאַניע.

די אַלע קעמפֿער האָט באַהערשט איין פֿאַרלאַנג, איין געפֿיל: קאַמף קעגן פֿאַשיזם. דער עיקר האָבן זיי פֿאַרשטאַנען און געפֿילט, אַז פֿאַרניכטונג פֿון פֿאַשיזם — איז די רעטונג אויך פֿון יידישן פֿאָלק פֿון פיזישער אויסראָטונג.

דעם 17־טן פֿעברואַר האָבן זיך אין פֿערלעדאַ אָנגעהויבן צו רעאָרגאַניזירן אונדזערע איינהייטן. די אָנפֿירונג פֿון אונדזער „פּאַלאַפאָקס“־באַטאַליאָן האָט צייטווייליק איבערגענומען דער שטאַב־אָפֿיציר, הער דאַן זייער באַקאַנטער אין אונדזער באַטאַליאָן, לייטענאַנט העניעק טאָרונטשיק. אונדזער קאָמפּאַניע האָט צייטווייליק איבערגענומען צו פֿירן דער פּוילישער קוילנגרעבער, טאַדעוש שליאַכטאַ.

.9

גלייך דעם 18־טן פֿעברואַר האָבן מיר אָפּמאַרשירט קיין אַראַגאָן. אַ טייל וועג האָבן מיר געמאַכט צופֿוס, אַ טייל מיט לאַסט־וואָגנס און אַ טייל מיט דער באַן. אונדזער נייער קאָמענדאַנט שליאַכטאַ האָט אונדז רעאָרגאַניזירט און אַוועקגעפֿירט אויף אָפּרו. אַן אויסגעפּרוווטער קעמפֿער, וואָס האָט שוין אין שפּאַניע מיטגעמאַכט די פֿראָנטן פֿון מאַדריד, גוואַדאַלאַכאַראַ, ברונעטע און אַנדערע, האָט ער מיט גרויס איידלקייט אונדז געפּרוּווט האַרטעווען און צוצוגרייטן צו נייע קאַמפֿן, ספּעציעל נאָך דער דערדריקטער שטימונג, וועלכע האָט געהערשט אין דער קאָמפּאַניע נאָך דער שלאַכט אויף עסטראַמאַדורע, וווּ מען האָט אין איין טאָג פֿאַרלוירן אַזויפֿיל קעמפֿער.

שליאַכטאַ האָט אונדז אויך אויפֿגעקלערט די סיבות פֿון דעם אומגעלונגענעם אָנגריף — דאָס פֿעלן פֿון פֿאַרבינדונג, דאָס נישט אָנקומען פֿון די טאַנקען, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אונדז אונטערשטיצן א. א. וו. שליאַכטאַ מיט זיין מיליטערישן וויסן און דערפֿאַרונג האָט אונדז ווירקלעך פֿיל זאַכן אויפֿגעקלערט.

דעם 5־טן מערץ 1938 זענען מיר אָנגעקומען קיין אַראַגאָן. מיר האָבן זיך געפֿונען אין שטעטל סאַמפּער דע קאַלאַנדאַ. פֿיבערהאַפֿט האָט זיך די בריגאַדע נאָך די פֿאַרלוסטן אויפֿן עסטראַמאַדורער פֿראָנט רע־

אָרגאַניזירט. קאָמענדאַנט פון אונדזער באַטאַליאָן איז באַשטימט געוואָרן אַ געוועזענער פאַרן קריג שפּאַנישער מאַיאָר, זיין נאָמען איז געווען אהארא סאַלוואַדאָר. ער איז געווען אַ טיפּישער אָפיציר, אַ ליבעראַל. מיר האָבן אים גערופן „סעניאָר קאָמענדאַנטע". אים איז פון אָנפאַנג בכלל מאָדנע געווען צו האָבן צו טאָן מיט אויסלענדער און ספּעציעל נאָך מיט יידן.

די „באָטווין"-קאָמפּאַניע האָט אויך באַקומען אַ נייעם קאָמענדאַנט, דעם לייטענאַנט ל ע אָ ן ר ו ב י נ ש ט יי ן. לעאָן איז געבוירן געוואָרן אין טאָמאַשאָוו-מאַזאָוויעצק, קיין שפּאַניע איז ער געקומען פון פראַנקרייך, וווּ ער האָט שטודירט. אין פראַנקרייך איז ער געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין שפּאַניע האָט ער שוין געקעמפט אויף פאַרשידענע פראָנטן, וווּ ער האָט דערגרייכט דעם ראַנג פון אַ לייטענאַנט. לעצטנס איז ער געווען דער אָנפירער פון דער פאַרבינדונגס-אָפּטיילונג פון דער „דאָמבראָווסקי"-בריגאַדע, און פון דאָרט איז ער געקומען אַלס קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין"-קאָמפּאַניע.

אַ נידעריקער, אָבער פול מיט ענערגיע, פאַרביסן און אַרבעטזאַם, אַ פריינדלעכער האָט ער שנעל דעראָבערט די הערצער פון די „באָטווינצעס", וועלכע ער האָט אין אַ פּאָר טעג שפּעטער געפירט אין קאַמף אויף די שלאַכט-פעלדער פון אַראַגאָן.

אין יענע טעג זענען די איינהייטן פאַרפולקאָמט געוואָרן, און אויך אין אונדזער קאָמפּאַניע זענען צוגעטיילט געוואָרן עטלעכע יידישע און אַ גרעסערע צאָל שפּאַנישע קעמפער.

צווישן די נייע יידישע יאַטן האָט זיך געפונען לעאָן פאַקין, אַ פאַביאַניצער קאָמוניסט, וועלכער האָט נישט לאַנג פאַרלאָזן די פּוילישע טורמע, אַ קינד פון יידישן טעקסטיל-פּראָלעטאַריאַט. פאַקין האָט זיך נישט נאָר אויסגעצייכנט אין שפּאַניע, נאָר ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין פּאַריז און איז דערשאָסן געוואָרן אין 1943 דורך דעם דייטשישן אָקופּאַנט; משה האַפּט און פנחס הפּץ פון פּאַלעסטינע און אַ גאַנצע רייע אַנדערע.

דעם 8-טן מערץ, ווען אונדזערע ווונדן פון עסטראַמאַדורע זענען נאָך נישט געווען פאַרהיילט, האָט זיך אין אַראַגאָן אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטער קאַמף. די פאַשיסטן האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסע אָפענסיווע קעגן דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי. די אָפענסיווע איז געווען פאַר אונדז אַן

אומדערוואַרטע און מיר האָבן געמוזט, נישט זייענדיק צוגעגרייט, גלייך אַריינציִען זיך אין קאַמף.

דער פראָנט איז געווען נישט ווייט פון אונדז, ביי לעסערא־בעל־ציטע. היינט זענען געווען די טעג אין אַראַגאָן, אָבער די נעכט — קאַלטע, אַזוי, אַז וואָס מיר האָבן ביי טאָג אָנגעוואַרעמט האָט עס אונדז געפעלט ביינאַכט.

ס'איז נאָך נישט אַוועק קיין חודש ווי מיר האָבן אויך איבערגעלאָזן אונדזערע חברים אויפן עסטראַמאַדורער פראָנט — און דאָ געפינען מיר זיך שוין אין אַ צווייטן שטורעם. אָבער מלחמה פירט מען נישט מיט קיין געפילן און טרערן. ס'איז נישטאָ קיין צייט אויף דערמאָנונגען — דער שונא אַטאַקירט!

ס'הייבט זיך אָן די באַקאַנטע רעטיראַדע פון אַראַגאָן!

דעם 8־טן מערץ 1938 זענען מיר געזעסן פאַרגלאָזט אין אונדזערע קאַזאַרמעס, און פּלוצלונג באַקומען אַ בליץ־באַפעל: „אין וועג אַריין! די פאַשיסטן זענען נישט ווייט!“

אין איינציקע מינוטן איז שוין אונדזער באַטאַליאָן געווען גרייט. מיר גייען זייט ביי זייט מיט דער „שעווטשענקאָ“־קאָמפּאַניע, פול מיט קאַמפסלוסט און קאַמפסגרייט. פונדערווייטנס הערט מען שוין אַ שיסעריי פון אַרטילעריע און מאַשין־געווער, מיר מיידן אויס דעם דירעקטן קאָנטאַקט מיטן שונא, מיר דערווייטערן זיך פון דער זיך כסדר הערנדיקער שיסעריי. צוויי טעג און צוויי נעכט האָבן מיר מאַרשירט, מיד, הונגעריק און דורשטיק, אָבער ווער קוקט דערויף? דער באַפעל איז אַ קלאָרער: „מיר זענען אַרומגערינגלט און מיר מוזן זיך דורכרייסן!“ דורך זייטיקע וועגן פּרוּוון מיר זיך אַדורכרייסן קיין בעלציטע.

די שטימונג איז אין אַלגעמיין אַ גוטע. דעם 10־טן מערץ, נישט ווייט פון לעסערא, ווען נאָך אַ פּאָר מינוט אָפּרו אונטער די איילבירטן־ביימער האָבן אונדזערע רעפּובליקאַנישע כוחות זיך אָנגעהויבן צו גרופּירן, כדי צו קאָנטראַטאַקירן דעם שונא, האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל צענדליקער אַעראָפּלאַנען און אונדז אומברחמנותדיק באָמבאַרדירט.

ווי טייוולאָנים זענען זיי געפלויגן, אַרויף און אַראָפּ, שיסנדיק און וואַרפנדיק קליינע באָמבעס, וועלכע האָבן כסדר עקספּלאָדירט. וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן פעלד, זיך צוגעדעקט מיט דעקעס און געוואַרט אויפן סוף.

שרעקלעך לאַנג האָט געדויערט יעדע מינוט פֿון דעם אַטאַק. מען הערט געגנוי דאָס אָפּפֿליען און דאָס אָנקומען פֿון די טייוול-מאַשינען, און מיר ליגן אָנמעכטיק. דער לופֿט-אַטאַק האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. מיט צופֿרידנקייט האָבן מיר פֿעסטגעשטעלט, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין פֿאַרלוסטן.

נאָכן לופֿט-אַטאַק האָבן מיר פֿאָרגעזעצט אונדזער מאַרש אין דער ריכטונג פֿון לעסעראַ און מיר האָבן געזען די פֿאַשיסטן מיטן בלויזן אויג. מיר זענען געווען אויף אַ בערגל, פֿונוואַנען מיר האָבן געקאָנט געגנוי זען, וואָס עס טוט זיך אין לעסעראַ. אין שטעטל איז פֿאָרגעקומען אַ שיסערײַ, און ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז האָרט דער קאַמף פֿאָרגעקומען צווישן דער אַרומגערינגלטער „לינקאָלן"-בריגאַדע און די פֿאַשיסטן. מיר האָבן געהאָלפֿן די „לינקאָלן"-סאָלדאַטן, און ווען די פֿאַשיסטן האָבן געזען, אַז די „לינקאָלן"-בריגאַדע באַקומט הילף, האָבן זיי נישט געוואַגט ביז שפּעט אין אָוונט צו פֿאַרנעמען דאָס שטעטל! אַזוי אַרום איז דער „לינקאָלן"-בריגאַדע געלונגען זיך צוריקצוציען אָן גרויסע פֿאַרלוסטן.

מיד, הונגעריק, דערשעפּט האָבן מיר אין אָוונט פֿאַרנומען אַ פּאָזיציע אויפֿן שאָסיי, ביי לעסעראַ. יעדער איינער האָט געזוכט אַ בעסערן שטיין, וווּ ער זאָל קאָנען כאָטש אַ ביסעלע כאַפּן אַ דרעמל. אָבער דער דורשט און הונגער האָט נישט געלאָזט דרעמלען.

אַ פּאָר יאָטן האָבן זיך שטילערהייט אַראָפּגעכאַפּט אין שטעטל אַריין, וווּ מיר האָבן אויסגעלייידיקט אַ מאַגאַזין, וואָס עס האָט איבערגעלאָזן די „לינקאָלן"-בריגאַדע. אָנגעלאָדענע מיט אַ ביסל באַשפּייזונג זענען מיר אַרויף צו אונדזערע חברים, און מיר האָבן זיך אַ ביסל דערכאַפּט חאָס האַרץ.

אַ גאַנצע נאַכט איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג אויפֿן שאָסיי ביי לעסעראַ. ס'זענען אַדורך טאַנקען, לאַסט-וואָגנס, אַרטילעריע און ס'האָט זיך באַוויזן דער „מיצקעוויטש"-באַטאַליאָן, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פֿון דער פֿאַשיסטישער אַרומרינגלונג.

דאָ אין דעם מיש-מאַש האָב איך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן געזען דעם גענעראַל וואַלטער. ערנסט און פֿאַרטראַכט איז ער אַראָפּ פֿון טאַנק, ביי זײַן זײַט האָב איך געזען זײַן אַדיוטאַנט, דעם ייִדישן פּאַריזער אַרבעטער-אַקטיוויסט אַלעק שורעק. שטייענדיקערהייט האָט דער

גענעראַל אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די קאָמענדאַנטן און פּאָליט־קאָמיסאַרן פֿון אַלע איינהייטן, וועלכע האָבן זיך דאַן דאָרט געפֿונען.

גלייך נאָך דער באַראַטונג האָבן מיר באַקומען דעם באַפֿעל: „ווייטער פֿאָרויסמאַרש!" די קאַלטע אַראַגאָנער נאַכט האָט אונדז אויפֿגעפֿרישט, עס באַווייזט זיך דער מאָרגנשטערן און מיר טראַכטן וועגן אָנקומענדיקן טאָג. מיר דערנענטערן זיך צו אַ נייער פּאָזיציע, נישט ווייט פֿון אַלבאַלאַטע.

די נייע פּאָזיציע האָבן מיר פֿאַרנומען אויף די בערג נישט ווייט פֿון שאָסיי. די יאַטן האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. די ערשטע זאַך, זיך צוגרייטן אָקאָפּעס און צום ערשטן מאָל נאָך צוויי טעג האָבן מיר באַקומען אַ פֿרישטיק פֿון קיך.

מיר האָבן זיך אויך געגרייט איינצוהאַלטן דעם כּסדרדיקן פֿאָרויסמאַרש פֿון שונא. די זון האָט זייער געוואַרעמט דעם פֿרימאָרגן, ס'איז געווען בערך אַזייגער 11. אַ טייל יאַטן האָט זיך געוואַשן, אַן אַנדער טייל האָט זיך ראַזירט. אָבער די פֿאַשיסטן האָבן אונדז נישט געלאָזט רוען. מיר זענען אַליאַרמירט געוואָרן דורך די שיסערייען, וועלכע האָבן זיך צו אונדז וואָס אַמאָל מער דערנענטערט.

און נישט באַוויזנדיק אַפֿילו זיך אָפּצוראַזירן האָט דער קאָמענדאַנט פֿון אונדזער קאָמפּאַניע, לעאָן רובינשטיין געגעבן דעם באַפֿעל: „שנעלער, יאַטן! גרייט זיך צום אָפּמאַרש! די פֿאַשיסטן דערנענטערן זיך!"

שנעל כאַפּן די „באָטווינצעס" געווער, אַמוניציע און די „באָטווין"־קאָמפּאַניע איז שוין גרייט צום אָפּמאַרש. די באַפֿעלן זענען קורץ, עס דראָט אונדז אַריינצופֿאַלן אין אַרומרינגלונג. די שיסעריי דערנענטערט זיך. אויפֿן שאָסיי איז פֿול מיט פֿאַרלאָדענע לאַסט־וואָגנס, טאַנקען א. א. וו., וועלכע מען דאַרף אַדורכלאָזן. אַלץ פּרוּווט זיך אַדורכצורייסן, מיר גייען אינמיטן פֿון דעם כאַאָס, אונדזער ריכטונג איז — היכאַר־אַלקאַניז.

מיר מאַרשירן אין שפּיץ פֿון באַטאַליאָן „פּאַלאַפֿאָקס". אויפֿן וועג שטייען צו אונדז צו פֿאַרבלאָנדזשעטע סאָלדאַטן פֿון דער „לינקאָלן"־בריגאַדע און שפּאַנישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פֿאַרלוירן זייערע איינהייטן.

אַזוי האָבן מיר דורך זייטיקע וועגן, מאַרשירט עטלעכע טעג אָן עסן און טרינקען, כּסדר צוריקציענדיק זיך און אויסמיידנדיק דעם קאַמף מיטן

שונא. מיר און אַנטוישט זענען געווען די יאַטן. מען האָט זיך געפרעגט — פאַרוואָס ציען מיר זיך כסדר צוריק? פאַרוואָס נעמען מיר נישט אויף דעם קאַמף מיטן שונא?

שוואַכע און קראַנקע האָט מען אָפּגעשיקט מיט יעדער געלעגנהייט אין די שפּיטאָלן, אָבער מייסטנס „באַטווינצעס" האָבן אויסגעהאַלטן דעם כּמעט־דיקן מאַרש, אָן עסן און נאָר מיט עטלעכע שעה דורכשלאָפן זיך ערגעץ אונטער די אַראַנזשן־ביימער, אָדער אויף די זײַלן פון די אַראַגאָנער בערג.

אין אַזאַ לאַגע איז אַלץ, וואָס מיר האָבן מיט זיך געטראָגן געווען צופיל, און די יאַטן האָבן אָנגעהויבן אַוועקצוואַרפן רעקעס, שינעלן, מען בלײַבט נאָר מיט דער ביקס און אַמוניציע. פרילינג־צײַט אין אַראַגאָן ברענט בײַטאָג די זון און בײַנאַכט איז קאַלט. מען שפּאַנט מיט פאַרביסענע ליפּן פאָרויס און נאָך אַ לאַנג־שעהדיקן מאַרש פאַלן מיר אַוועק מידע אויף דער פײַכטער ערד און מען כאַפּט אַ לייכטן דרעמל.

אין איינעם פון אָט די טעג, ליגנדיק אונטער די אייבירטן שוין נישט ווייט פון קאַספּע, האָב איך באַמערקט, אַז נעבן מיר געפינט זיך דער שטאַב־אָפיציר פון אונדזער באַטאַליאָן, וויקטאָר מענצעל.

„עס וואָלט צונוץ געקומען, ווען מיר וואָלטן געהאַט מיט וואָס זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ". מיט די ווערטער האָט מיך וויקטאָר אויפגעוועקט און דערמאָנט, אַז מען מוז שאַפן עפּעס צום עסן פאַר די יאַטן. דאָס איז דאָך אויסער אַלעם געווען מײַן פליכט אַלס אינטענדענט פון דער „באַטווין"־קאָמפּאַניע.

כ'האָב אויפגעוועקט מײַן בעסטן פרײַנד, מאַרטשין שימאַנסקין און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין דער געגנט. נישט ווײַט פון אונדז, אַן ערך אַ 200 מעטער איז געווען אַ קעלער, און מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די שפּאַנישע אײַנהייט, וועלכע האָט וואַרשײַנלעך נישט לאַנג זיך פון דאַנען עוואַקואירט, האָט אין דעם קעלער, וווּ ס'האָט זיך געפונען די אינטענדענטור איבערגעלאָזט געווער ברויט, קאָנסערוון און אַנדערע מאכלים.

נישט לאַנג וואַרטנדיק האָבן מיר מאָביליזירט עטלעכע יאַטן און נאָך עטלעכע טעג הונגערן, אָפּגעגעסן אַ גוט פרישטיק און פאַרדויכערט אַ גוטן פּאַפּיראָס. אויך אונדזער פרײַנד, דער שטאַב־אָפיציר, דער וואַרשעווער אינזשיניער, קאַפּיטאַן וויקטאָר האָט מיט אונדז געפרישטיקט.

דערנאָך האָבן מיר ווייטער געשפּאַנט, ביז דעם 13־טן מערץ, ווען מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו קאַספּע.

.10

דעם 14־טן מערץ האָבן מיר ענדלעך באַקומען דעם באַפֿעל צו פֿאַרנעמען אַ פּאָזיציע אויף די בערג ביי קאַספּע. מיר האָבן פֿריי אָפּגעאָטעמט — מיר וועלן מער נישט אַנטלויפֿן, מיר וועלן קעמפֿן.

מען מוז אונטערשטרייכן, אַז אין משך פֿון די עטלעכע טעג, וואָס מיר האָבן זיך בסדר צוריקגעצויגן, האָבן אונדזער קאָמענדאַנט לעאָן און דער פּאָליט־קאָמיסאַר אומדערמידלעך אונדז אויפֿגעקלערט די סיבות און די נויטווענדיקייט פֿון צוריקצוג. זיי האָבן אונדז געפֿירט אין אָט דעם צוריקצוג און זיי זענען געווען אַ ביישפּיל פֿון אויסדויער.

מיר האָבן פֿאַרנומען אַ פּאָזיציע אויף אַ באַרג, עטלעכע קילאָמעטער פֿון שטעטל. אונדזער אָנפֿירונג האָט איינגעשטעלט אַ פֿאַרבינדונג מיט די אַנדערע איינהייטן פֿון אונדזער באַטאַליאָן און מיר האָבן אָנגעהויבן צו גראָבן אָקאָפּעס. מיט איין וואָרט, מען האָט זיך צוגעגרייט צום קאַמף.

דער ערשטער טאָג איז אַדורך רואיק. דאָס איז אויך געווען איינע פֿון די ערשטע נעכט, וואָס נאָך אַזאַ לאַנגן מאַרש זענען מיר געשלאָפֿן „נאָרמאַל“. די שטימונג איז געווען אַ גוטע. אַזוי ווי אין שטעטל איז קיין לעבעדיקער נפֿש נישט געבליבן, אַלץ איז געוואָרן עוואַקואירט, האָבן מיר געקאָנט געניסן פֿון די קראָליקעס און הינער, וועלכע האָבן זיך פֿאַריתומט אַרומגעדרייט אויף די פֿאַרלאָזענע פּויערישע הויפֿן.

דער פֿרימאָרגן איז געווען, ווי שטענדיק, אַ קילער, די זונען־שטראַלן האָבן אונדז אויפֿגעוועקט. צום ערשטן מאָל נאָך עטלעכע טעג האָט אונדז די באַטאַליאָן־קיך געבראַכט פֿרישטיק. מען הייבט אָן צו פֿילן זיך „נאָרמאַל“. ס'אָטעמט זיך לייכטער.

די קאָמפּאַניע־אָנפֿירונג פֿאַרזאַמלט די פּלוטאָן־פֿירער. מען גיט קורצע באַפֿעלן, די פּלוטאָן־פֿירער גיבן זיי איבער די סאָלדאַטן — דאָ וועלן מיר די פֿאַשיסטן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. כאָטש זיי זענען שטאַרק באַוואָפֿנט, האָבן נייע איטאַליענישע דיוויזיעס, דייטשישע אַוויאַציע און דייטשישע לעגיאָנען, מוזן מיר זיי איינהאַלטן!

דער זייגער איז אומגעפער עלף פאַרמיטאָג. עס הערט זיך אַ שיסעריי. די פאַשיסטן דערנענטערן זיך. די באַפעלן זענען קלאָרע: פאַרנעמען די קאַמפּס-פּאָזיציעס!

דער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט און זיין אַדיוטאַנט, דער לייטענאַנט אַדאַם לעווינסקי אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד און גרייטן צו דעם קאָנטראַטאַק. רעכטס פון אונדז געפינט זיך די „שעווטשענקאָ"-קאָמפּאַניע און די דריטע קאָמפּאַניע פון אונדזער לינקער זייט. מיר האָבן צו הילף טשעכישע טאַנקען און אין איינעם פון זיי פאַרנעמט אַן אָרט דער אַדיוטאַנט פון אונדזער באַטאַליאָן, וועלכער פירט אָן מיט דעם קאָנטראַטאַק.

די פאַשיסטן אַטאַקירן אונדזערע פּאָזיציעס מיט טאַנקען, וועלכע פאָרן גלייך צו אונדזערע פּאָזיציעס. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. אין האַגל פון די פליענדיקע דום-דום-קוילן באַפעלט אונדזער קאָמענדאַנט לעאָן רובינשטיין: „אַדעלאַנטע — פאָרויס!" איין טייל פון דער קאָמפּאַניע פירט לעאָן, און אַ ביסעלע ווייטער פירט דער פּאָליט-קאָמיסאַר מישאַ רעגער דעם צווייטן טייל פון דער „באָטווין"-קאָמפּאַניע.

אונדזער קאָמפּאַניע מאַרשירט און אַטאַקירט דעם שונא אין באַגלייטונג פון ערשטן טאַנק, וועלכער ווערט אָנגעפירט דורכן אַדיוטאַנט אַדאַם לעווינסקי. פול מיט ענטוזיאַזם, וואַרפן זיך די „באָטווינצעס" אין קאַמף.

ס'הייבט זיך אָן אַ פאַרביטערטע שלאַכט. די פאַשיסטישע טאַנקען שפּייען מיט אַ האָגל פון פייער, מיר זעען ווי פון גאַנץ נאָענט וואַרפן זיך די פאַשיסטן מיט באַגנעטן אין אונדזער ריכטונג. מיר קוקן אויף גאָרנישט, מיר קאָנטראַטאַקירן. שוין אין דער ערשטער שעה פון קאַמף ווערט שווער פאַרוואונדעט אונדזער קאָמענדאַנט, לעאָן רובינשטיין, און נאָכדעם — אויך אונדזער פּאָליט-קאָמיסאַר מישאַ רעגער. זיי ווערן גלייך אָפּגעפירט צום אַמבולאַנס און דער סערזשאַנט גאַלאַנט, אַ פּוילישער קוילנגרעבער פון קאַליש, נעמט איבער די אָנפירונג פון דער קאָמפּאַניע. נאָך אַן עטלעכע-שעהדיקן קאַמף האָבן מיר געצוווּנגען די פאַשיסטן זיך צוריקצוציען.

אונדזער קאָנטראַטאַק איז געלונגען.

דער באַטאַליאָן „פּאַלאַפאַקס" און די „באָטווין"-קאָמפּאַניע זענען אין טאָג-באַפעל אויסגעצייכנט געוואָרן פאַר זייער העלדישער האַלטונג אויפן פראָנט ביי קאַספּע.

אין די קאַמפן ביי קאַספע זענען געפאַלן עטלעכע „באַטווינצעס“, צווישן זיי — אהרעלע מענענבוים, אַ פאַלעסטינער קאָמיוניסט, ליפמאַן און דוד לאַטרינגער. דאָ איז אויך געפאַלן דער פּאָליט־קאָמיסאַר פון דער „שעווטשענקאָ“־קאָמפּאַניע, שימאָן קראַיעווסקי, אַ באַקאַנטער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז געקומען קיין שפּאַניע נאָכן אַנטלויפן פון דער דובנער תפיסה.

פאַרנאַכט, ווען דער קאַמף האָט זיך איינגעשטילט, האָבן מיר באַקומען אַ פאַרשטאַרקונג; ס'איז געקומען אַ פראַנצויזישער באַטאַליאָן, וועלכער האָט אונדז מכבד געווען מיט אַ גאַנצן פאַס ווייַן און נאָכדעם אונדז פאַרטראָטן אויף די פּאָזיציעס.

דאָן האָט אונדזערע פּאָזיציעס באַזוכט דער דעמלטיקער קאָמענדאַנט פון דער 45־טער דיוויזיע, דער פּאָלקאָווניק האַנס. ער האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג דער אָנפירונג פון אונדזער באַטאַליאָן פאַר איר געלונגענעם קאָנטראַטאַק, וועלכער האָט צייטווייליק אָפּגעשטעלט דעם פאַשיסטישן פאָרויסמאַרש. דער קאָמענדאַנט האַנס האָט זיך אויסגעדריקט וועגן „פּאַלאַפאַקס“־באַטאַליאָן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „דאָס איז נישט קיין באַטאַליאָן פון סאָלדאַטן — נאָר אַ באַטאַליאָן פון אָפּיצירן און אונטעראָפּיצירן“.

דאָ האָט זיך דער קאָמענדאַנט פון „פּאַלאַפאַקס“־באַטאַליאָן, דער „סעניאָר קאָמענדאַנטע“ איבערצייגט, אַז די „אינטערנאַציאָנאַלע“ זענען גוטע סאָלדאַטן.

דער זיגרייכער קאָנטראַטאַק ביי קאַספע האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל די עטלעכע טעג, אין וועלכע מיר האָבן איינגעהאַלטן דעם פאָרויסמאַרש פון שונא, האָט דערמעגלעכט די רעפּובליקאַנישע כוחות זיך צו איבערגרופּירן און געוויסע עלעמענטן צו עוואַקואירן.

אין צוויי טעג אַרום האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל צו פאַרנעמען אַ נייע פּאָזיציע צווישן באַלאַגואַר און לערידאַ.

אין יענע טעג איז אין דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע געקומען אַ נייער קאָמענדאַנט, אויף לעאָנס אָרט, וועלכער האָט זיך געפונען אין שפּיטאָל אין באַרצעלאָנע, אין זייער אַן ערנסטן צושטאַנד. דער נייער קאָמענדאַנט איז געווען מ י ש אַ ס אַ פּ י ר. מישקאַ איז געקומען צו אונדז פון דער „לינקאָלן“־בריגאַדע אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. ער האָט געשטאַמט פון ווילנע. שוין אין די יונגע יאָרן איז ער געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. מישקאַ האָט שטודירט מעדיצין אין פּאַריז.

קיין שפּאַניע איז ער געקומען נאָך אין האַרבסט 1936. ער האָט געקעמפט אויף פאַרשידענע פראָנטן, און אויך געאַרבעט אין דער זיכערהייטס=דינסט פון דער שפּאַנישער רעפּובליק.

מישאַ סאַפּיר האָט מיט גרויס חשק און שטאָלץ איבערגענומען די אָנפירונג פון דער „באָטווין"=קאָמפּאַניע. דעם פאַרווונדעטן פּאָליט=קאָמיסאַר מישאַ רעגער, וועלכער האָט זיך אויך געפונען אין שפּיטאָל, האָט פאַרטראָטן דער פּאָליטישער דעלעגאַט פון דער „באָטווין"=קאָמפּאַניע, דער שפּאַניער איזידאָר גראָוי.

אויף דער פּאָזיציע, וועלכע איז געווען אַ געגנט רואיקע, זענען געקומען עטלעכע נייע יידישע פרייוויליקע — דער לייטענאַנט עמנואל מינק, איינער פון די ערשטע יידישע פרייוויליקע אין שפּאַניע. מינק איז שוין אין זיינע יוגנט=יאָרן געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין טאָמאַשאָוו=מאַזאָוויעצק. צוליב פּאָליציייאישן טעראָר עמיגרירט ער קיין בעלגיע. אין שפּאַניע קעמפט ער אויף פאַרשידענע פראָנטן. איז עטלעכע מאָל געווען פאַרווונדעט. מינק איז געווען איינער פון די העלדישסטע יידישע אָפיצירן אין שפּאַניע.

ס'זענען דאַן אויך געקומען אין אונדזער קאָמפּאַניע, יאָנאַס פישמאַן, יעזשי בראַון און דער באַקאַנטער פּאַריזער אַרבעטער=טוער, דער לייטענאַנט סעוועק קירשענבוים. סעוועק איז שוין געווען אין שפּאַניע פון אָקטאָבער 1936. ער איז געווען איינער פון די אויסגעפּרוווטסטע יידישע אָפיצירן, וועלכע האָבן פאַר זייער העלדישקייט דערגרייכט דעם ראַנג פון אַ לייטענאַנט. געקומען איז דאַן אויך אהרן זינזבורג.

דעם 26=טן מערץ 1938, ערב די פאַרביסענע קאַמפן אויפן לערידער פראָנט, איז די „באָטווין"=קאָמפּאַניע פאַרשטאַרקט געוואָרן און האָט געציילט אומגעפער 120 מאַן. דער קאָמענדאַנט איז געווען מישאַ סאַפּיר, שעף פון דער ערשטער סעקציע איז געווען דער לייטענאַנט יעזשי בראַון, שעף פון דער צווייטער סעקציע איז געווען לייטענאַנט עמנואל מינק, און פון דער דריטער — לייטענאַנט סעוועק קירשענבוים.

עס הייבן זיך אָן די באַקאַנטע פאַרביסענע שלאַכטן ביי לערידאַ. טאָג איין, טאָג אויס האָט די „באָטווין"=קאָמפּאַניע, צוזאַמען מיט די אַנדערע איינהייטן פון „פּאַלאַפאָקס"=באַטאַליאָן, אין קאַמף קעגן דער פאַשיסטישער בעסטיע פאַרטיידיקט יעדן מעטער ערד.

דאָ איז זייער שווער פאַרווונדעט געוואָרן דער קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין"=קאָמפּאַניע, מישקאַ סאַפּיר (ער שטאַרבט שפּעטער אין שפּי=

טאָל). זיין אָרט פֿאַרנעמט גלייך דער לייטענאַנט עמנואל מינק. מינק נעמט איבער די אָנפֿירונג פֿון דער קאָמפּאַניע בעת דער שלאַכט ביים לערידער פֿראָנט. אין קאַמף קעגן שונא, וועלכער איז געווען באַוואָפֿנט מיט דעם מאָדערנסטן וואָפֿן, איז געפֿאַלן צווישן אַנדערע, יאָסל בריקנער (אַ פּאַלעסטינער קאָמוניסט), זשאַק גוטמאַן (באַקאַנטער פּאַריזער אַרבעטער-טוער), דער וואַרשעווער בונדיסט בנימין ליפּשיץ — לאָרענטאָ און אַ סך אַנדערע.

עטלעכע עפּיזאָדן פֿון די קאַמפֿן אויפֿן לערידער פֿראָנט און די העלדישע האַלטונג פֿון די „באָטווינצעס“ איז כדאַי צו באַשרייבן.

באַקאַנט איז די העלדישע האַלטונג פֿון מאָניעק באָרענשטיין, אַ יאַט פֿון מינסק-מאַזאָוויעצק, וווּ ער איז געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווען ער האָט דערזען פֿון זיין אָקאָפּע דאָס דערנענטערן זיך פֿון פֿאַשיסטישע טאַנקען, האָט ער זיך אַרויסגערוקט צו די טאַנקען און מיט האַנט-גראַנאַטן זיי באַוואָרפֿן. באָרענשטיין האָט פֿאַרניכטעט אַ טאַנק און איינגעהאַלטן דעם פֿאַשיסטישן פֿאָרויסמאַרש.

אין יענער צייט האָט באָרענשטיין דערהאַלטן אַ כאַראַקטעריסטישן בריוו פֿון זיין מוטער פֿון מינסק-מאַזאָוויעצק. דער בריוו באַווייזט ווי גרויס ביי די יידישע פֿאָלקס-מענטשן איז געווען דער אינטערעס פֿאַרן קאַמף קעגן פֿאַשיזם אין שפּאַניע.

„מיין טייערער זון!

דו האָסט זייער גוט געטאָן, וואָס דו האָסט מיר געשריבן דעם אמת. סיי ווי סיי האָט מיין אויסגעמאַטערט מאַמעס האַרץ געפֿילט, אַז דו ביסט נישט אין פּאַריז. בעסער איז דער ביטערער אמת איידער פֿאַרשידענע נחמות און נישט זיכערקייטן.

טייערער מאָניוש! ווייסט זייער גוט, ווי שווער מיר איז געווען צוצוגרייטן דיך צום וועג, וויפֿל האָפֿענונגען האָב איך געהאַט אין צוזאַמענהאַנג מיט דיין זיין אין אויסלאַנד, און ספּעציעל ווען מיין געזונטצושטאַנד ווערט ערגער פֿון טאָג צו טאָג און ס'ווערט כסדר שווערער צו פֿאַרבינדן איין עק מיטן צווייטן.

טראָץ דעם בין איך דיר מוחל, מיין טייערער, און כ'האָב נישט צו דיר קיין פּרעטענזיע, און כ'מאַך דיר נישט קיין פֿאָרוואָרף.

אויב ביסטו געפֿאָרן קיין שפּאַניע, פֿאַרשטיי איך, אַז אַנדערש האָסטו נישט געקאָנט מאַכן, אַז דו האָסט געוויס געטאָן דאָס, וואָס דיין

געווסן האָט דיר דיקטירט, ווייל כ'ווייס, אַז דו האָסט אונדז אַלעמען ליב און ס'איז דיר אויך זיכער נישט לייכט אויף דער נשמה.

כ'שיק דיר מיין ברכה און איך בעט כסדר דעם רבונו של עולם, אַז ער זאָל דיך שוינען און היטן. כ'בעט אויך פאַר דיינע חברים, פאָליאַקן, יידן, רוסן, פראַנצויזן, שפאַניער, וועלכע ס'פאַרבינדט איין ציל, וועלכע האָבן אויך מאַמעס און פאַמיליעס, וואָס וואַרטן אויף זיי מיט פול אָנגעווייטיקטע הערצער.

ס'קומען צו מיר דיינע חברים און זאָגן, אַז זיי זענען דיך מקנא. כ'מיין, אַז זיי זאָגן דאָס ערנסט. אָבער דאָס האַרץ פון אַ מאַמע פאַרשטייען זיי זיכער נישט. זיי פרעגן מיך, צי כ'באַדאַרף נישט עפעס, זיי באַמיען זיך מיר צו העלפן. כ'פאַרטראַכט זיך אָפט אין וואָס זענען די מענטשן מיין גליק? צי פון דיר אויפן פראָנט אין שפאַניע אָדער פון דיין יינגערן ברודער ראָמעק (דאָס וואָס דו ווייסט נאָך אוודאי נישט), וועלכער געפינט זיך שוין זינט אייניקע וואָכן אין קאַרטוז־בערעזע.

איך קוק אויף דיינע חברים און זע דיך און ראָמעקן. כ'ווין כסדר און ס'ווערט מיר לייכטער, ווען איך זע, אַז זיי געדענקען אין אייך. איך זע דאָס ביי זיי, ביי די קאָמוניסטן קומען טרערן אין די אויגן... איך פאַרשטיי, אַז אייך אַלעמען אייניקט איין ציל, אַזוי ווי איר זאָגט — איין אידעע. זאָל גאָט אייך העלפן, אפשר וועט זיין בעסער אויף דער וועלט.

טייערער זון! איך קאָן נישט ווייטער שרייבן. כ'שיק דיר וואַרעמע קושן און האַרציקע גרוסן פאַר דיינע חברים. שרייב אָפט. יעדער טאָג אָן נייעס פון דיר איז פאַר מיר אַ מאַטערניש. אויף ווידערזען, דיין דיך ליבנדע מאַמע“.

העלדיש האָט אויפן לערידער פראָנט זיך געהאַלטן דער פאַלעסטינער געבוירענער, דער קאָמוניסט פנחס הפץ, וועלכן אַ פאַשיסטישע מערדערלעכע קויל לעכערט דורך זיינע אויגן. ער זעט נישט, ס'גיסט זיך דאָס בלוט פון אים, אָבער ער פאַרלירט נישט זיין באַוווסטזיין און גיט איבער די קאַמפס־חברים זיינע האַנט־גראַנאַטן, זאָגנדיק צו זיי: „נעמט זיי און שלאָגט ווייטער די פאַשיסטן!“

אויף דעם לערידער פראָנט האָט לעאָן פאַקין, זעענדיק, אַז די פאַשיסטן דערנעענטערן זיך צום מאַשין־געווער, וועלכן ער האָט באַדינט, נישט פאַרלוירן זיין קאַלטבלוטיקייט, און ווען ער ווערט שטאַרק באַשאָסן פון די פאַשיסטן, וועלכע געפינען זיך שוין פון אים אַ 15 מעטער,

באַוויזט פּאַקן אַרויסצונעמען דעם שלאָס פֿון זיין מאַשין־געווער און זיך לעבעדיקערהייט אויפֿצורייסן.

אויפֿן לערידער פֿראָנט, ווו די שלאַכטן האָבן געדויערט עטלעכע וואָכן זענען אומגעקומען: דער סערזשאַנט וויינטרויב, אַ ראַדאָמער קאָמוניסט, איינער פֿון די ערשטע „באָטווינצעס“, און די איבערגעבליבענע סאַניטאַרן פֿון דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע, די פּוילישע פּרייוויליקע פּאַלקאַ און פּילאַרטשיק.

ווען איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו דער אינטענדענטור פֿון „פּאַלאַפֿאַקס“־באַטאַליאָן, האָב איך איבערגעלעבט אַזאַ עפּיזאָד.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען אונדזער באַטאַליאָן האָט געקעמפֿט צווישן הועסקאַ און לערידאַ איז געווען אוממעגלעך צוצופֿירן באַשפּייזונג צום באַטאַליאָן. צוויי מאָל האָב איך געמוזט צוריקפֿאָרן, ווייל די בריקן זענען געווען אויפֿגעריסן. אַזייגער 2 נאָכמיטאָג איז אַריין אין דער אינטענדענטור מיעטעק, דער פּאַרטיי־פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿון דער בריגאַדע, און דיראָענדיק מיט דערשיסן, האָט ער מיר באַפֿוילן צופֿירן באַשפּייזונג פֿאַר דעם באַטאַליאָן. ער האָט אָנגעגעבן, אומגעפֿער, דעם וועג מיט וועלכן מען קאָן דורכרייסן זיך צום 6־טן קילאָמעטער, צווישן הועסקאַ און לערידאַ, דאָרט ווו עס האָט זיך געזאָלט געפֿינען אונדזער באַטאַליאָן.

מען האָט אָנגעפּאַקט אַ לאַסט־אויטאָ מיט אַלדאָס גוטס און מיט געווער און האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ס׳זענען דאָ פֿון שפּיטאָל צוריקגעקומען עטלעכע שפּאַניער, אוקראַינער, פּסח לעכטער און דער פּאָליט־קאָמיסאַר פֿון דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע מישאַ רעגער. זיי אַלע האָבן זיך אויך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן לאַסט־אויטאָ, כדי צוריקצוקערן זיך אין זייערע אײנהייטן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט נעבן דעם שאָפֿער און אין וועג אַריין.

אין אָוונט, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט לערידאַ, האָט אונדז זייער באַאומרואיקט וואָס מאַסנווייז ציען זיך צוריק סאָלדאַטן, ציווילע. די שטאָט איז געווען כמעט ליידיק. ווען מיר האָבן געפֿרעגט די סאָלדאַטן וועגן דער סיבה פֿון זייער צוריקציען זיך, האָבן זיי אונדז געזאָגט, אַז די פֿאַשיסטן זענען שוין גישט ווייט פֿון לערידאַ.

מיר פֿאַרהאַלטן זיך אין לערידאַ. מישאַ רעגער איז אַוועק זיך אינפֿאָרמירן ווי שטעלט זיך פֿאַר דיווירקלעכע לאַגע, אָבער ער האָט זיך גאָרנישט דערוווסט. מען הערט נאָר אַ ווייטע שיסעריי, און איינס איז זיכער — לערידאַ ווערט עוואַקואירט.

מיר פאָרן ווייטער. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף דער צווייטער זייט שטאָט פאַרהאַלט אונדז אַ וואַך. דאָ איז שוין דער ווירקלעכער פראָנט. מיר פרעגן דעם וואַך־קאָמענדאַנט, וווּ עס געפינט זיך דער שטאַב פון דער 101־טער בריגאַדע, צו וועלכער עס האָט געדאַרפט זיין צוגע־טיילט אונדזער באַטאַליאָן. מישאַ רעגער איז אַוועק צום שטאַב זיך דערוויסן, וווּ עס געפינט זיך אונדזער באַטאַליאָן. לײַדער האָט ער זיך גענוי גאָרנישט געקאָנט דערוויסן און מיר זענען ווייטער געפאָרן.

דער זייגער איז שוין געווען 11 אין אָוונט. מיר פאָרן לאַנגזאַם אין דער ריכטונג פון הועסקא. שטיל איז אַרום אונדז, די לבנה באַ־האַלט זיך אונטער די וואָלקנס, אײנצלנע טאַנקען פאָרן אין דער פאַר־קערטער ריכטונג. מיר ווערן אומרואיק. וואָס קאָן דאָס זיין? עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז עטלעכע קילאָמעטער פון פראָנט זאָל זיין אַזוי רואיק. אומגעפער אויפן 5־טן קילאָמעטער הינטער הועסקא האָט אונדז אָפּגעשטעלט אונדזערע אַ וואַך און פאַרבאָטן ווייטער צו פאָרן.

מיר האָבן אָבער געוואָלט אויספירן דעם באַפעל און צושטעלן די יאַטן עסן און וועש, זענען מיר ווייטער געפאָרן ווייסנדיק, אַז דער וועג איז נישט קיין זיכערער. פונדערווייטנס האָבן מיר באַמערקט, ווי ביי די זייטן פון שאָסיי באַווייזן זיך פונקען, ווי מען וואָלט דאָרט געריי־כערט פאַפּיראָסן. מיר דערנעענטערן זיך לאַנגזאַם צו די פייערלעך.

פאַר אונדז איז שוין נישטאָ קיין צווייפל, אַז דאָרטן געפינען זיך מענטשן. די פראַגע איז נאָר — אונדזערע אָדער פאַשיסטן? אַ 10 מע־טער פון דעם אָרט הערן מיר דעם אונדז שוין באַקאַנטן לאָזונג פון די פאַשיסטן: „אַרריבאַ עספּאַניאַ!"

עס ווערט אונדז וואַרעם אין די ביינער. עס איז קלאָר — מיר זע־נען ביי די פאַשיסטן אין די הענט. מישאַ רעגער נעמט גלייך איבער די איניציאַטיוו און שטילערהייט הייסט ער איינעם פון די שפּאַניער, וועל־כער האָט זיך געפונען אויף אונדזער לאַסט־אויטאָ זיך דערנעענטערן צו די פאַשיסטן און דעם שאָפער האָט ער באַפוילן אויסצודרייען און ווי מעגלעך שנעל צוריקפאָרן. ווען דער שאָפער האָט גענומען מאַנעווּרירן, האָבן די פאַשיסטן אָנגעהויבן שרייען: „וועגאַ! וועגאַ!" (קומט, קומט). און ווען מיר האָבן זיי נישט געפאָלגט, האָבן זיי אָנגעהויבן אונדז צו באַשיסן. מישאַ רעגער איז דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען פון לאַסט־אויטאָ און נאָך אים האָב איך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שינעל, גע־כאַפּט די ביקס, אַראָפּגעשפּרונגען און — ויברח!

אַ האָגל פון קוילן פליט איבערן קאָפּ, כ'לויף אָן אַן אָפּשטעל צוריק אין דער ריכטונג פון לערידאַ. נאָכן אָפּלויפן אַ 500 מעטער, נאָך אַלץ הערנדיק די שיסעריי, האָב איך זיך אויף אַ סעקונדע אָפּגעשטעלט און באַמערקט נעבן זיך לעכטערן. מיר האָבן זיך דערפרייט, וואָס מיר זענען גישט אַרייַנגעפאַלן צו די פאַשיסטן, אָבער מיר זענען געווען באַאומרואיקט וועגן גורל פון אונדזער פּאָליט=קאָמיסאַר מישאַ רעגער און די אַנדערע חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן לאַסט=אויטאָ. מיר האָבן אויך באַדויערט, וואָס דאָס גאַנצע גוטס, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַרן באַטאַליאָן איז אַרייַנגעפאַלן צו די פאַשיסטן. נאָר וואָס קאָן מען מאַכן, אַזוי זעט דאָך אויס אַ מלחמה.

מיר זענען אַוועק צוריק קיין לערידאַ און צומאָרגנס האָבן מיר געטראָפן אונדזער באַטאַליאָן אין אַלפּאַקאַט און דאָרטן האָבן מיר אויך געטראָפן אַ לעבעדיקן אונדזער פּאָליט=קאָמיסאַר מישאַ רעגער.

ביז מיר אַלע דריי האָבן זיך געטראָפן, האָבן איך און לעכטער באַוויינט רעגערן און ער אונדז. אין אַלפּאַקאַט האָבן מיר געבענטשט גומל, און מיר האָבן זיך געפילט ווי ניי=געבוירענע.

און דער אמת פון דער גאַנצער געשיכטע איז געווען אַזאַ: ווען מיעטעק האָט מיר געגעבן דעם באַפעל, האָט זיך דער באַטאַליאָן ווירקלעך געפונען אויפן 6=טן קילאָמעטער פון שאָסיי לערידאַ—הועסקאַ, אָבער אין אָוונט, אונטערן דרוק פון פאַשיסטישן אָנגריף, איז דער באַטאַליאָן געצוווּנגען געווען זיך צוריקצוציען עטלעכע קילאָמעטער אין דער ריכטונג פון אַלפּאַקאַט, כדי צו פאַרטיידיקן לערידאַ.

אין יענע טעג, ס'איז, גלייב איך, געווען אָנהייב אַפּריל 1938, האָט מען אונדזער באַטאַליאָן צוריקגעצויגן, אויף אַ געוויסער צייט, אויף דער צווייטער ליניע. די קוואַרטיר איז געווען ביי קאַרבינס. דאָן האָב איך געהאַט אַ צווייטע, אויך גענוג אינטערעסאַנטע איבערלעבעניש.

נאָך וואָכן כסדריקן קאַמף איז דער באַטאַליאָן געווען מיד, די יאַטן כמעט נאַקעט און הונגעריק. אין איינעם פון יענע טעג האָט מיך גערופן דער באַטאַליאָן=קאָמענדאַנט און מיר געגעבן אַ באַפעל (אַ געשריבענעם) און געלט צו פאָרן קיין באַרצעלאָנע, כדי צו קויפן און אויך באַקומען אָן געלט קליידונג, עסנוואַרג א. א. וו. פאַרן באַטאַליאָן. ער האָט מיר געגעבן צו דער דיספּאָזיציע אַ לאַסט=אויטאָ און אַ שפּאַניער, דעם סעקרעטאַר פון באַטאַליאָן.

מיר האָבן זיך געפֿונען אויף אַ באַרגיקער געגנט. די זון האָט שוין שטאַרק געוואַרעמט, ווען כ׳האָב פֿאַרלאָזן דעם באַטאַליאָן אין דער ריכטונג פֿון באַרצעלאָנע. די יאַטן האָבן מיר מיטגעגעבן ברויט און גרוסן פֿאַר באַקאַנטע. פֿאָרנדיק דורך טאַדרעגאַנע זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז די לאַגע איז זייער אַן ערנסטע און אַז דאָס איבערשניידן דאָס רעפּובליקאַנישע שפּאַניע דורך די פֿאַשיסטן אויף צוויי טיילן קאָן געשען אין די נאָענטסטע טעג. אַן ענגער פּאַס האָט נאָך פֿאַרבונדן קאַטאַלאָניע מיט וואַלענסיע.

קומענדיק קיין באַרצעלאָנע האָב איך זיך פֿאַרבונדן מיט די רעדאַקטאָרן פֿון „דאָמבראָווסטשאַק“, מיעטעק און זאָשע שלייען. דערקלערנדיק זיי דעם ציל פֿון מיין קומען, האָבן זיי גלייך מיך געוואָרנט, אַז כ׳וועל האָבן שוועריקייטן עפּעס צו באַקומען און צו דערליידיקן אין דער באַזע פֿון די אינטערבריגאַדעס. זיי האָבן מיך געוואָרנט, אַז ביים מעלדן זיך צו אַ נ ד ר ע י מ אַ ר ט י, דעם פֿירער פֿון די אינטערבריגאַדעס, וואָס ס׳איז אוממעגלעך געווען אויסצומיידן, קאָנען זיין זייער גרויסע שוועריקייטן.

כ׳האָב זיך געמאָלדן אין סעקרעטאַריאַט פֿון אַנדרעי מאַרטי, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין זעלבן בנין, וווּ ס׳זענען געזעסן די חברים שלייען. די סעקרעטאַרין האָט מיר געהייסן וואַרטן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָב איך זיך שוין געפֿונען אין זיין קאַבינעט. מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש האָב איך געוואַרט אויף דער טרעפֿונג מיטן שעף פֿון די אינטערבריגאַדעס אין שפּאַניע.

מעלדנדיק זיך, האָב איך פֿאַר זיך געזען אַ הויכן, שוין גענוג גרויען מענטש, זיין פּנים איז געווען אַ גענוג ענערגישס; נערוועישע, קלוגע און טונקעלע אויגן, דער אויסזען זייער אַן אַנטשלאָסענער. האַלטנדיק מיין באַפֿעל, וועלכן כ׳האָב באַקומען פֿון מיין קאָמענדאַנט, האָט ער מיך געפֿרעגט, צי כ׳בין אַ פּאַרטיי־מיטגליד. ווען כ׳האָב אים געענטפֿערט, אַז יאָ, האָט ער געהייסן דעם מיך באַגלייטנדיקן שפּאַניער אַרויסגיין, און אויף מיר האָט ער אָנגעשריגן ווי אויף אַ יינגעלע מיט אָט די ווערטער: „אויב דו ביסט אַ פּאַרטיי־מיטגליד, וועסטו שוין מער נישט זיין אַזעלכער“, און צערייסנדיק מיין באַפֿעל, האָט ער ווייטער געשריגן: „אויס פּאַרטיזאַנקע, מיר זענען שוין אַ נאָרמאַלע אַרמיי, איר וועט אַלץ באַקומען אויפֿן פֿראָנט. דו ביסט אַ דעזערטיר!“

איך האָב געשוויגן, כ'בין געווען פולשטענדיק דערשלאָגן. ווי אַזוי קאָן מען אַזוי שרייען, און דערצו אַזאַ פערזענלעכקייט! כ'האָב אים נאָר באַוויזן צו זאָגן, אַז כ'פיר אויס דעם באַפעל פון מיין קאָמענדאַנט. אַנדרעי מאַרטי האָט מיך זיכער נישט געהערט. ער האָט אַריינגערופן זיין סעקרעטאַרין און איר באַפוילן מיר אָנצושרייבן אַ נייעם באַפעל — „תיכף צוריקפאָרן אויפן מזרח-פראָנט!“ און דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ער וועט נאָך אין דעם זעלבן אָוונט קאָנטראָלירן, צי מיר זענען טאַקע צוריקגעפאָרן אויפן פראָנט.

געמענדיק דעם באַפעל און זיך אָפּמעלדנדיק בין איך אַוועק צו מיינע פריינד אין רעדאַקציע, צו די חברים שלייען. זיי האָבן מיר גאָר נישט געקאָנט העלפן, זיי האָבן מיר נאָר געגעבן די אַדרעסן פון חבר עלסקי, דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער פּאַריזער „נייע פּרעסע“ און אַנדערע פריינד.

גאָכן באַראַטן זיך מיט מיינע פריינד און מיט מיין שפּאַנישן באַגלייטער, האָבן מיר באַשלאָסן נישט צוריקצופאָרן אויפן פראָנט מיט לייִדיקע הענט. דער וועגן קיין וואַלענסיע איז נאָך געווען אָפן. אַזוי ווי דער שפּאַניער איז געווען אַ וואַלענסיער, איז ער אַוועק דאָרט איינקויפן וואָס נאָר ס'האָט זיך געלאָזט, און איך האָב זיך באַמיט אין באַרצעלאָנע וואָס מערער זאַכן צו באַקומען אָן געלט, און אַ טייל האָב איך געקויפט. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט מיטן שפּאַניער צו טרעפן צונויפגענג איבערמאָרגן אין באַרצעלאָנע.

מיט האַרץ-קלאַפּעניש האָב איך געוואַרט אויפן צוריקקומען פון מיין שפּאַנישן באַגלייטער. באַרצעלאָנע איז דאַן יעדן טאָג באָמבאַרדירט געוואָרן און די 5-טע קאָלאָנע האָט געפירט אַ גרויל-פּראָפּאַגאַנדע.

מיין שפּאַנישער באַגלייטער איז געקומען מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג. מיר האָבן פאַרלאָדן די זאַכן, וועלכע איך האָב געהאַט אָנגעזאַמלט אין באַרצעלאָנע און זיינע איינגעקויפטע זאַכן און זיך געלאָזט צוריק אויפן פראָנט.

זייער צופרידענע, אָבער גלייכצייטיק אומרואיקע, זענען מיר אין אָוונט אָנגעקומען אין באַטאַליאָן. אפשר האָט אַנדרעי מאַרטי קאָנטראָלירט, צי מיר זענען צוריקגעפאָרן דעם זעלבן טאָג?

און ווירקלעך: ווי מיר זענען צוריקגעקומען אין באַטאַליאָן, האָט מען אונדז אין שטאַב געפרעגט, וואָס מיט אונדז איז געשען, ווייל מען האָט געבעטן אין אָוונט אָנגעפרעגט פון גענעראַל-שטאַב, צי מיר זענען

שוין צוריקגעקומען. אין באַטאַליאָן האָבן זיי זיך נישט געגוי אָריענ־טירט און וואָס עס האַנדלט זיך און האָבן געענטפערט, אַז מיר זענען שוין דאָ. אָבער קיינער האָט אונדז קיין פאָרוורפן נישט געמאַכט.

עטלעכע טעג שפּעטער איז די שפּאַנישע רעפּובליק ווירקלעך צעטיילט געוואָרן אויף צוויי טיילן און דער וועג קיין וואַלענסיע איז געווען אָפּגע־שניטן. פון די אינטערבריגאַדעס איז די 129־טע בריגאַדע, אונטער דער אָנפירונג פון וואַצלאַוו קאָמאַר, געבליבן אויף דער צווייטער זייט, אין לעוואַנטע.

.13

נאָך דער פאַשיסטישער אָפענסיווע, נאָך וועלכער די שונאים איז געלונגען צו צעטיילן די שפּאַנישע רעפּובליק אויף צוויי טיילן, האָט זיך דער פראָנט סטאַביליזירט. צווישן 20—22 אַפּריל 1938 זענען מיר אי־בערגעפירט געוואָרן קיין אַלמאַטרעט און פון דאָרטן צופוס מאַרשירט נישט ווייט פון פוענטאָס דעל עבראָ, וווּ די „באָטווין"־קאָמפּאַניע האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע. אויף דעם געגנט רואיקן פראָנט האָבן מיר אַרויס־געגעבן, אין זייער שווערע באַדינגונגען, דעם דריטן נומער פון דער „באָט־ווין"־צייטונג.

די קאָמפּאַניע האָט זיך געפונען אונטן ביים טייך, וווּ די סעגרע פאַלט אַריין אין דער עבראָ, און פון דאַנען שטאַמט דער נאָמען פוענטאַ דעל עבראָ (דער עבראָ־קוואַל). די פאַשיסטן זענען געווען פון דער צווייי־טער זייט טייך, בערך אַ 20—30 מעטער. בייטאָג איז געווען געגנט רו־איק, מער אַקטיווער איז געווען אין אָוונט.

די אָנפירונג פון דער קאָמפּאַניע האָט זיך געפונען אויף אַ בערגל, פון וואַנען ס'איז געווען עטלעכע צענדליק מעטער זיך אַראָפּצולאָזן צו די פּאָזיציעס פון דער קאָמפּאַניע. ביז צו דעם פונקט האָט נאָר געקאָנט אָנקומען די באַשפּייזונג פאַר דער קאָמפּאַניע, און פון דאָרט האָבן די יאַטן געמוזט עס אַראָפּטראָגן מיט זייערע אייגענע כוחות.

עטלעכע מאָל זענען אונדזערע יאַטן אויפן באַפעל פון אונדזער קאָמ־פּאַניע־אָנפירונג ביינאַכט אַריבערגעפאָרן מיט שיפלעך צו די פאַשיס־טישע פּאָזיציעס, כדי צו ברענגען מיט זיך פאַשיסטישע געפאַנגענע. אויך די פאַשיסטן האָבן נישט געבטלט. די נעכט זענען געווען „פול מיט אינ־

טערס“, ספּעציעל פאַר אונדזער פּאָליט־קאָמיסאַר, וועלכער האָט צוזאַ־
מען מיטן קאָמענדאַנט מינקן אָרגאַניזירט די „אויספלוגן“.

אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון דעם פראָנט ביי פּוענטאַם דעל עבראָ
האָט מיר דערציילט דער געוועזענער קאָמענדאַנט פון דער „באַטווין“־
קאָמפּאַניע, עמנואל מינק:

אין איינעם פון יענע טעג האָט אים דער קאָמענדאַנט פון „פּאַלאַ־
פאַקס“־באַטאַליאָן, „סעגיאַר“ אָ האַרט געגעבן אַ באַפעל, אַז ער זאָל
ביינאַכט דורכלאָזן דורכן טייך עטלעכע יאַטן, כדי זיי זאָלן פון דער צווייַ־
טער זייט צוריקברענגען עטלעכע פאַשיסטישע געפאַנגענע.

די „באַטווינצעס“ האָבן צוויי מאָל געפרוווט אויף פאַרשידענע
אופנים זיך דורכצורייסן דורכן טייך און ס'איז זיי נישט געלונגען.

די „באַטווינצעס“ האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט שעמען, וואָס זיי
האָבן נישט געקאָנט אויספירן דעם באַפעל, ספּעציעל האָט עס נישט
געקאָנט איבערלעבן מינק און דער פּאָליט־קאָמיסאַר פון דער קאָמפּאַ־
ניע, מישאַ רעגער. האָבן זיי באַשלאָסן זיך דורכצושפּאַצירן און זיך דורכ־
רעדן מיט די פּויערים פון דער געגנט. זיי זענען געוווירגעוואָרן, אַז אין
דער צייט איז כמעט אוממעגלעך, צוליב פאַרשידענע טעמים, אַריבער־
פאָרן דעם טייך.

אין אַ געשפּרעך צווישן דער אָנפירונג פון דער „באַטווין“־קאָמפּאַ־
ניע און דעם קאָמענדאַנט פון „פּאַלאַפאַקס“־באַטאַליאָן, ווו ס'איז אויך
אַנוועזנד געווען דער קאָמענדאַנט פון דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע,
כאַרטשעווסקאַ, האָט דער קאָמענדאַנט פון דער בריגאַדע אויפמערקזאַם גע־
מאַכט דעם באַטאַליאָן־קאָמענדאַנט, אַז מען דאַרף נישט געבן קיין באַ־
פעלן דאָן, ווען מען קען נישט גוט די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דער
געגנט.

אויף דעם פראָנט־אָפּטייל האָבן מיר געהאַט אַ שפּאַנישן קולטור־
דעלעגאַט, וועלכער האָט זיך זייער אויסגעצייכנט אין די אַלע פראָנט־
אַקציעס. מאַטאַ האָט ער געהייסן. ער איז אומגעקומען אויפן עבראָ־
פראָנט.

סוף מאַי 1938 האָבן מיר פאַרלאָזט דעם פראָנט אויף פּוענטאַם
דעל עבראָ און אונדזער קוואַרטיר האָבן מיר אינסטאַלירט נישט ווייט
פון פראַדעל, אַ שטעטל אין קאַטאַלאָניע. דאָ איז פאָרגעקומען אַ גרוי־
סע רעאָרגאַניזאַציע פון אונדזער בריגאַדע און מיר האָבן גערוט נאָך די
קאַמפן פון דער אַזוי גערופענער „אַראַגאָנער רעטיראַדע“.

גלייכצייטיק גרייטן מיר זיך צו צו נייע קאַמפן און ספּעציעל מאַכן מיר אַדורך איבונגען פון פאָרסירן טייכן און אַריינדרינגען אין דעם שונאס טעריטאָריע.

אין יענער צייט ווערט מישאַ רעגער באַשטימט אַלס פּאָליט־קאָמיסאַר פון באַטאַליאָן „פּאַלאַפאַקס“ און אין דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע קומט אַ צווייטער קאָמיסאַר — יוזעף ספּיראָ. אין דער קאָמפּאַניע איז דאַן געווען קאָמענדאַנט עמנואל מינק, און אַלס זיין אַדיוטאַנט איז באַשטימט געוואָרן דער נייער צו אונדז צוגעטיילטער לייטענאַנט, אַלטער שערמאַן. אַלטער שערמאַן איז געווען איינער פון די ערשטע יידישע פריוויליקע אין שפּאַניע. ער איז געקומען פון בעלגיע, וווּ ער איז געווען אַן אַקטיווער טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס. אַלטער איז אין שפּאַניע שוין געווען אויף פאַרשידענע פראָנטן, ווי ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען פאַרווונדעט און ווו ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ מוטיקן קעמפער. שערמאַן האָט אין דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע נישט נאָר איבערגעגעבן זיינע מיליטערישע דערפאַרונגען, נאָר איז אויך געווען אַ פעיקער רעציטאַטאָר און זינגער. מיט זיין רעפּערטואַר האָט ער באַרייכערט דאָס קולטור־לעבן פון דער קאָמפּאַניע.

.14

ווען מיר האָבן זיך געפונען ביי פאַלסעט, ווערט די „באָטווין“־קאָמפּאַניע אַ צענטער פון קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע פריוויליקע אין שפּאַניע.

מען פאַרשטאַרקט די קאָמפּאַניע, און מיר באַקומען נייע יידישע פריוויליקע, ווי מאַרעק ריכטער (אַ יידישער אינטעליגענט פון לעמבערג), שמואל בוכהענדלער, שמעון אייכער, נאַטאַן אולמאַן (אַן אַקטיוויסט פון פּאַריז), וואָלף ביילאָוויטש, קלמן העלפאַנט, דער באַקאַנטער ספּאָרטלער פון וואַרשע זישע בירנצווייג, אַ פריילעכער און מוטיקער קעמפער, דער יונגער אַנרי קראַקויער, הענעך לובראַניעצקי, דער לאָדזשער יונגטלעכער אברהם רייטער, יוזעף ספּירא, וואָס ווערט פּאָליט־קאָמיסאַר אויף מישאַס אָרט, און אַ סך שפּאַניער.

ס׳ווערט געשאַפן אַן אַקטיוו אין דער קאָמפּאַניע, אַ כאָר אָנגעפירט פון שערמאַנען, אַ דראַמאַטישע סעקציע. די יידישע פריוויליקע פון אַנדערע איינהייטן פון דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע נעמען אָנטייל אין

אונדזער קולטור=טעטיקייט. די רעדאַקציע פון דער „באַטווין“=ציימונג גרייט צו דעם 4 און 5 נומער. ס'באַזוכן אונדז נישט נאָר יידישע פרייוויליקע פון דער פוילישער בריגאַדע, נאָר אָפטע געסט זענען ביי אונדז, יידישע פרייוויליקע פון דער „לינקאָלן“=בריגאַדע און אַנדערע איינהייטן פון די אינטערבריגאַדעס.

איינע פון די שענסטע אימפּרעזן איז געווען די פייערונג לכבוד דער גרינדונג פון דער „באָטווין“=קאָמפּאַניע, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 12=טן יוני 1938, אין צוזאַמענהאַנג מיט איר 6=חדשימדיקער עקזיסטענץ.

אין דעם טאָג האָבן מיר אַרויסגעגעבן דעם 4=טן נומער פון דער „באָטווין“=ציימונג און איינגעלאַדן די אָנפירונג פון באַטאַליאָן און בריגאַדע און אַלע יידישע פרייוויליקע פון פאַרשידענע איינהייטן פון די אינטערבריגאַדעס.

אַ טיש פאַר עטלעכע הונדערט מענטשן האָבן מיר „צוגעגרייט“ זויף דער פרייער לופט. עס איז אויך געווען אַ מיטאָג מיט אַ ביסל משקה פאַר דער גאַנצער „באָטווין“=קאָמפּאַניע און אירע חשובע געסט, ווי אויך אַ שיינער אַרטיסטישער יידיש=שפּאַנישער פּראָגראַם, וועלכן אַלע האָבן באַוואונדערט.

אויסער דעלעגאַציעס פון אַלע איינהייטן פון דער „דאָמבראָווסקי“=בריגאַדע און דער ציווילער באַפעלקערונג, זענען אויף דער פייערונג אַנוועזנד געווען דער דעמאָלטיקער קאָמענדאַנט פון דער „דאָמבראָווסקי“=בריגאַדע, מאַיאָר כאַרטשענקאָ, קאַפּיטאַן אַלעק שורעק אַלס פאָרשטייער פון קאָמענדאַנט פון דער 45=טער דיוויזיע, דער גענעראַל וואַלטער, די אָנפירונג פון „פּאַלאַפאַקס“=באַטאַליאָן און צענדליקער יידישע פרייוויליקע פון פאַרשידענע איינהייטן.

אַ טויט=שטילקייט האָט געהערשט, ווען מען האָט די פייערונג געעפנט מיטן דערמאָנען אונדזערע העלדישע „באָטווין“=סאָלדאַטן, וואָס האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן אויף די פראָנטן פון עסטרעמאַדורא, קאַספּע און לערידאַ.

נאָך עטלעכע אָפיציעלע באַגריסונגען און אַ קליינעם איבערבליק וועגן דער „באָטווין“=קאָמפּאַניע, וועלכן עס האָט געמאַכט דער פּאָליט=קאָמיסאַר פון דעם באַטאַליאָן מישאַ רעגער, האָבן זיך די „באָטווינצעס“ מיט זייערע געסט געוויילט ביי אַ הערלעכן פּראָגראַם, וועלכן ס'האָבן אויסגעפירט די שפּאַנישע און יידישע פרייוויליקע פון דער „באָטווין“=קאָמפּאַניע.

די פּייערונג האָט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט, אַז די „באַטווין“־קאָמפּאַניע האָט דערוואָרבן סימפּאַטיע און אָנערקענונג ביי דער מיליטערישער און ציווילער מאַכט.

שפּעט אין אָוונט האָט זיך געענדיקט די פּייערונג, און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט אין דער געגנט פון פּאַלסעט אין קאַטאַלאָניע, געקלונגען דאָס עכאָ פון יידישע רעוואָלוציאָנערע און פאָלקס־לידער.

אין פּראַדעל האָבן די קעמפער קיין סך צייט נישט געהאַט, מען האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסער שלאַכט. מען האָט עס געפילט אין דער לופט. קיינער רעדט נישט וועגן דעם, אָבער יעדער פאַרשטייט עס. די מיליטערישע שולונג איז אַ שטרענגע און אינטענסיווע. מען שאַפט אַקטיוויסטן־גרופּן, ס׳שאַפן זיך ספּעציעלע שטורעם־גרופּן, ס׳קומען פאָר ספּעציעלע מיטינגען פון אַקטיוויסטן פון די באַטאַליאָנען, קאָמפּאַניעס. דער לאָזונג איז איינער: „מיר ווילן דעם שונא אַטאַקירן!“

אויך אין דער „באַטווין“־קאָמפּאַניע זענען פאָרגעקומען אַזעלכע פאַרזאַמלונגען און מיר האָבן אויך צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע פריי־ווילִיקע געשאַפן אַקטיוויסטן־גרופּן, צוגרייטנדיק זיך צו נייע קאַמפן און זיגן איבער דעם פיל שטאַרקערן שונא, דעם פאַשיזם.

אין יענער צייט האָט אונדזער פּאָעט און רעדאַקטאָר פון דער „באַטווין“־צייטונג אַלעק נוס געשאַפן דעם „באַטווין“־הימן, מיט וועלכן די „באַטווינצעס“ זענען געגאַנגען אין דער גאָנטסטער שלאַכט ביי קאַרבעראַ און גאַדענסאַ. מיט די ווערטער פון הימן אויף די ליפּן האָבן פיל „באַטווינצעס“ אָפּגעגעבן זייער לעבן.

מאַרש פון די „באַטווינצעס“

טעקסט פון אַלעק נוס

.1

ווען ס׳גייען צום קריג רעפּובליקס־באַטאַליאָנען,
ווען ס׳בלוטיקט די ערד און עס קנאַלט דינאַמיט —
באַגלייט אַ געזאַנג די צעפלאַטערטע פאָנען, —
דאָס גייען באַטווינצעס אין דער שלאַכט מיט אַ ליד.
אַ ליד פון האָפענונג און זיג פון מיליאָנען,
וואָס ווילן לעבן אין פרייהייט און רעכט,

וואָס שיקט אונדז שטורמען דעם שונאס קאַנאָנען
און פירט אונדז דרייסטע צום לעצטן געפעכט
נאָ פּאַסאַראַן!
רעפריין:

מוטיק פאָרויס, צום שטורעם, צום אַטאַק!
גייען מיר, באַטאַליאָנען!
מיט דער בריגאַדע־אינטערנאַציאָנאַל,
מיט אונדזער פאָלקס־אַרמיי!
איינס צוויי!

.2

אונדז אייגיקט דער האַס צו די ברוינע באַנדיטן,
וואָס ווילן פאַרקנעכטן דאָס שפּאַנישע לאַנד.
מיר וועלן די גרין־רויטע פעלדער פאַרהיטן
מיט פאַנען פון איינהייט און מיט ביקס אין דער האַנט.
אין דער ברידער־ריי פון פעלקער און ראַסן,
וואָס ווילן מער נישט פאַרשקלאַפונג און נויט,
שמידן מיר אויס דאָס געווער פון די מאַסן, —
דעם פרייהייטס־פאָלקס־פראָנט פון שלום און ברויט
נאָ פּאַסאַראַן!
רעפריין......

.3

מיר וועלן נישט לאָזן פון האַנט די געווערן, —
אַזוי האָט געלערנט אונדז באַטאַליאָן, דער העלד —
ביז ס׳וועט אונדז די צוקונפט אינגאַנצן געהערן,
ביז ס׳וועט אַ באַפרייטע זיך צעבליען די וועלט!
און אין די נייע קריגלאָזע צייטן
וועט מען דערמאָנען אויך אונדזער פאַרמעסט,
ווי ס׳האָבן יידישע באַטאַליאָן־סאָלדאַטן
פאַרטריבן ווייט די פאַשיסטישע פעסט
נאָ פּאַסאַראַן!
רעפריין........

.15

אין פאַרלויף פון 2 חדשים, טאָג איין, טאָג אויס, האָט די „באַטאַ־ווין“־קאָמפּאַניע צוזאַמען מיט אַנדערע איינהייטן פון באַטאַליאָן און בריגאַדע זיך צוגעגרייט צום קאַמף.

ס'איז געפירט געוואָרן א ברייטע פּאָליטישע אַרבעט. די פאַרבינדונג מיט אונדזערע יידישע חברים פון פּאַריז און פון דער רעדאַקציע „נייע פרעסע“ האָט זיך פאַרשטאַרקט. מיט איין וואָרט — אין יענער צייט האָט שוין אונדזער קאָמפּאַניע דעראָבערט בירגער־רעכט, אין אויסלאַנד און אין שפּאַניע, אַלס סימבאָל פון פאָרשטייער פון אַלע יידישע פרייוויליקע אין שפּאַניע.

דאָ, אין פּראדעל, האָבן די „באָטווינצעס“ אַרויסגעוויזן זייער קאַמפּסלוסטיקייט און גרייטקייט אַלס פאַרביסענע אַנטיפאַשיסטן צום פאָרשטייענדיקן קאַמף, צו וועלכן עס האָבן זיך געגרייט גאַנצע אַרמייען פון דער שפּאַנישער רעפּובליק.

אין יענער צייט האָבן די פאַשיסטן געגרייט א נייע אָפּענסיווע. זי האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו פאַרנעמען וואַלענסיע און דעם גאַנצן שמאָלן פּאַס, וועלכער איז געווען אין דער האַנט פון דער שפּאַנישער רעפּובליק און איז געלעגן צווישן טייך עבראָ און דעם מיטללענדישן ים. דערנאָך האָבן די פאַשיסטן געפּלאַנט אָנצוגרייפן קאַטאַלאָניע און שטופּן די רע־פּובליקאַנישע כוחות צו דער פראַנצויזישער גרענעץ.

אין חודש יולי איז שוין די בריגאַדע געווען מיליטעריש גישט שלעכט צוגעגרייט, רעאָרגאַניזירט און די שטימונג איז געווען א גוטע. אין די יולי־טעג האָט מען שוין אין דער לופט געפילט, אַז מיר גרייטן זיך צו אַ גרויסער אָפּענסיווע.

אונדזער קאָמענדאַנט עמנואל מינק איז געשיקט געוואָרן אין אַ אָפיצירן־שול און אים האָט פאַרטראָטן האַלבערשטבערג. די סעקציע־פירער זענען צווישן אַנדערע געווען: שערמאַן, אַלטער, באבער און אברהם רייטער.

דעם 23־טן יולי 1938 האָבן מיר צוזאַמען מיט אַנדערע איינהייטן פון אונדזער באַטאַליאָן באַקומען אַן אַליאַרם־באַפעל. די באַפעלן זענען שטרענגע, קורצע און קלאָרע.

ביינאַכט פון 22־טן אויפן 23־טן יולי זענען מיר אַרויס אין מאַרש — אין דער ריכטונג פון טייך עבראָ. אונדז איז אויסגעקומען צו באַהאַלטן

זיך אין די קוסטעס נישט ווייט פון טייך, צווישן די שטעטלעך אסקאָ און פּוענטאָ דע קאַמפּעזינאָס. אַ גאַנצן מעת־לעת זענען מיר געלעגן אין די קוסטעס. די באַפעלן זענען געווען: פאָרזיכטיקייט, אין קורצן וועלן מיר זיך דורכרייסן דורך דער עבראָ און אָנגרייפן דעם שונא.

אין משך פון גאַנצן מעת־לעת, וואָס מיר זענען געווען פאַרבאַהאַלטן, האָבן מיר געזען די קאָלאָסאַלע באַוועגונג פון לאַסט־אויטאָס, וועלכע האָבן געפירט שיפלעך, בריקן. נישט נאָר סאָלדאַטן האָבן באַלאַגערט די וועגן און שאָסייען, נאָר אויך די ציווילע באַפעלקערונג — אַלץ איז געווען מאָביליזירט צום קאַמף.

אַלץ ווערט געמאַכט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, צי ביינאַכט, צי פאַרטאָג. מיר האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויף דער מינוט, ווען מיר וועלן שוין אריבער די עבראָ.

.16

אין יענע 24 שעה האָט זיך געררודערט אין דער גאַנצער לענג פון דעם טייך עבראָ. די פאַשיסטן האָבן נישט געוווסט, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן זיי ווערן אַטאַקירט פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי.

דעם 25־טן יולי שפּעט אין אָוונט רופט דער קאָמענדאַנט פון דער „באַטאַליאָן“־קאָמפּאַניע די סעקציע־פירער און גיט זיי קאָנקרעטע באַפעלן, ווען און ווי אַזוי וועט די „באַטאַליאָן“־קאָמפּאַניע אַריבער די עבראָ און דעם ווייטערדיקן פּלאַן פון אָנגריף אויף די פאַשיסטן, שוין אויף דער צווייטער זייט טייך.

רואיק איז געווען די נאַכט, ווען מיר האָבן זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צום טייך. דאָס וואַסער איז רואיק געפלאָסן, מען האָט קיין שאָרך נישט געהערט. אַלץ טראַכט און קוקט אַריבער דאָרט, וווּ דער שונא שלאָפט און ריכט זיך נישט, אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועלן מיר אים מכבד זיין מיט א מפטיר.

א קיל ווינטל האָט געבלאָזן, ווען מיר האָבן זיך פאַרלאָזן אויף די שיפלעך. מען הערט נאָר דעם שאָרך פון די רודערס, געפירטע דורך די געניטע הענט פון די פרייוויליקע פישער פון קאַטאַלאָניע. דאָס אַריבערפאָרן דעם טייך האָט נישט לאַנג געדויערט, אָבער מיר האָבן באַוויזן צו זען דעם האַרציקן שמייכל און צו הערן דעם שטילן „האסטא לא וויסטאַ“ (צום ווידערזען!) פון די שפּאַנישע פישער. צוזאַמען מיט אונדזער שיפל

זענען אויך אין דער זעלבער צייט געשוואומען אויף אַלע עקן פון דעם טייך שיפלעך, וועלכע האָבן איבערגעפירט סאָלדאַטן און אַמוניציע אויפן צווייטן ברעג עבראָ.

שטיל קריכן מיר אַרויס פון די שיפלעך, אַלע „באַטאַליאָנעס“ דראַפּען זיך שטילערהייט אַרויף אויפן באַרג, וווּ ס'געפינען זיך די פאַשיסטן, און מיר דערגרייכן צום שאָסיי, וועלכער פירט צום שטעטל קאָרבערא.

מיר גייען פאָרויס אין שטילן לאַנד. ער שלאָפט און הערט נאָך אונדז ניט, ס'הייבט שוין אָן צו טאָגן, דער מאָרגנשטערן ווערט בלאַסער און בלאַסער, די ערשטע זונען-שטראַלן הייבן זיך אָן אַרויסצוווייזן פון אונטער די בערג. פון ווייטן זעען מיר שוין קאָרבערא. די פאַשיסטן האָבן זיך, אָבער, אויפגעוועקט און די שיסעריי הייבט זיך אָן.

אונדזערע איינהייטן איז געלונגען אַריבערצוציִען דעם טייך אויף אַלע פונקטן. די סאַפּערן בויען שנעל בריקן איבער דעם טייך, כדי די אַרטילעריע, טאַנקען און אַמוניציע זאָל קאָנען גלייך צוגעפירט ווערן צו די רעפּובליקאַנישע כוחות.

די פאַשיסטן האָבן אָנגעהויבן אונדז צו קאָנטראַטאַקירן ערשט דאַן, ווען אונדזערע כוחות האָבן מאַרשירט פון אַלע זייטן אין דער ריכטונג פון גאַנדעסאָ, מאָרא דעל עבראָ און אַנדערע ערטער.

מיט ענטוזיאַזם און געזאַנג מאַרשירן די „באַטאַליאָנעס“ בראש פון „פּאַלאַפאַקס“-באַטאַליאָן, אין דער ריכטונג פון קאַרבערא. מיר זעען אויפן וועג, ווי אונדזערע סאָלדאַטן פירן צענדליקער פאַשיסטישע געפאַנגענע, צווישן זיי אויסער שפּאַניער, אויך איטאַליענער, מאַראָקאַנער. אַ סך פון זיי האָבן שרעקלעך מורא, ספּעציעל די מאַראָקאַנער, אָבער פיל פון זיי, באַזונדערס די איטאַליענער שטאָלצירן מיט זייער פאַשיסטישן יחוס.

אונדזער גאַנצע בריגאַדע גייט פאָרויס, די שיסעריי פאַרשטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. ביי אונדזער זייט געפינט זיך, ווי תמיד, די „שעווטשענקאָ“-קאָמפּאַניע, דער ספּעציעלער באַטאַליאָן און אַנדערע איינהייטן פון „פּאַלאַפאַקס“-באַטאַליאָן.

די אַנדערע באַטאַליאָנען פון אונדזער בריגאַדע גייען פאָרויס קיין גאַנדעסאָ, פון דער ריכטונג מאָרא דעל עבראָ.

די זון איז שוין זייער הויך. ס'איז מיטאָג-צייט, ווען מיר דערנענטערן זיך נאָענט צום שטעטל קאָרבעראָ. די פאַשיסטן גרופּירן זיך

איבער און פֿאַרעקשנט פֿאַרטיידיקן זיי קאַרבעראַ. ס׳באַווייזן זיך אויפֿן הימל פֿאַשיסטישע אַעראָפּלאַנען.

אונדזער קאָמפּאַניע גרייפֿט אָן. האַלבערסבערג איז אומעטום, ער געדענקט אין אַלע קלייניקייטן פֿון אָט דעם אָנגריף. דער פּאָליט־קאָמיסאַר ספּירא העלפֿט אים און גייט בראָש פֿון דער קאָמפּאַניע, בעת מיר צעטיילן זיך אין ביידע זייטן פֿון שאָסיי, וועלכער פֿירט קיין קאַרבעראַ.

קאַרבעראַ ליגט פֿאַר אונדז אויף אַ בערגל נישט ווייטער ווי עטלעכע הונדערט מעטער. אויף דעם בערגל האָבן די פֿאַשיסטן אינסטאַלירט אַ שווער מאַשין־געווער און פֿון דאָרט האָבן זיי פֿאַרטיידיקט דעם צוגאַנג צום שטעטל.

מיר קאָנטראַטאַקירן און מיר רוקן זיך לאַנגזאַם, אָבער כּסדר פֿאָרויס — בוכשטעבלעך שפּרינגענדיק פֿון בוים צו בוים. די קוילן פֿייפֿן. וואָס אַמאָל איז דער קאַמף אַלץ מער פֿאַרביטערט און די פֿאַרטיידיקונג פֿון די פֿאַשיסטן אַ שטאַרקערע. אָבער האַלבערסבערג גיט נישט נאָך, ער פֿירט די קאָמפּאַניע אין שטורעם און שוואַכט אָפּ דעם פֿאַשיסטישן קאָנטראַטאַק. די שלאַכט אַרום קאַרבעראַ האָט געדויערט ביז שפּעט נאָכמיטאָג. די „באָטווין“־קאָמפּאַניע האָט די ערשטע איינמאַרשירט און פֿאַרנומען קאַרבעראַ. זי האָט אויך גענומען אַ סך געפֿאַנגענע און האָט די ערשטע איבערגעגעבן די מאַכט פֿון דער רעפּובליק אין די הענט פֿון דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער אַדמיניסטראַציע און איז ווייטער, אָן אָפּרו, אַוועק אין דער ריכטונג פֿון גאַנדעסאַ, וווּ ס׳האָט זיך אַ פּאָר טעג געפֿירט אַ פֿאַרביטערטער קאַמף צווישן אונדזערע און די פֿאַשיסטישע כּוחות. ביי די קאַמפֿן אַרום קאַרבעראַ זענען עטלעכע „באָטוויניצעס“ פֿאַרווונדעט געוואָרן (צווישן זיי אויך דער מחבר). עטלעכע שפּאַניער פֿון דער קאָמפּאַניע זענען געפֿאַלן.

עטלעכע טעג האָט געדויערט דער קאַמף פֿון אונדזער בריגאַדע ביי גאַנדעסאַ, די פֿאַשיסטן האָבן יעדן טאָג געבראַכט נייע פֿאַרשטאַרקונגען. זייער אַוויאַציע איז געווען מעכטיק און שטאַרקער פֿון אונדזערער. און דאָך האָבן די פֿאַשיסטן נישט געקאָנט אונדז צוריקטרייבן איבער דעם טייך. אין דער פֿאַרביסענער שלאַכט ביי גאַנדעסאַ האָט די „באָטווין“־קאָמפּאַניע אַרויסגעוויזן מוט און העלדישקייט.

ווען ס׳ווערט פֿאַרווונדעט דער פּאָליט־קאָמיסאַר יוזעף ספּיראָ, פֿאַרטרעט אים דער אומדערמידלעכער קאָמענדאַנט ישראל האַלבערסבערג. האַלבערסבערג פֿירט די קאָמפּאַניע כּסדר אין אַטאַק קעגן די

פאַשיסטישע פּאָזיציעס ביי גאַנדעסאַ, ווו ער איז אויך פאַרבליבן אויף אייביק. די העלדישקייט פון דעם יידישן פעיקן מיליטער־מאַן און העלד איז פילמאָל באַשריבן געוואָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

ביי די קאַמפן אַרום גאַנדעסאַ זענען פאַרוואונדעט געוואָרן די „באָטווינצעס", שערמאַן, פאַקין, זשעפּקאָוויטש און אַנדערע. אויסער האַלבערסבערגן זענען בעת די קאַמפן ביי גאַנדעסאַ צווישן אַנדערע געפאַלן דער וואַרשעווער ספּאָרטלער זישע בירנצווייג, גאַלאַנט — דער קאַלישער קוילנגרעבער און אַנדערע.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די העלדישע עפּאָפּייע פון דער באַקאַנטער עבראָ־אָפענסיווע, בעת וועלכער די אינטערבריגאַדעס האָבן העלדיש געקעמפט בערך 2 חדשים — ביז צום מאָמענט, ווען מען האָט זיי לויטן באַשלוס פון דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג דעמאָביליזירט.

די 13־טע „דאָמבראָווסקי"־בריגאַדע איז פאַר איר העלדישקייט אויפן עבראָ־פראָנט אויסגעצייכנט געוואָרן מיט איינעם פון די גרעסטע קאַמפס־אויסצייכענונגען פון דער שפּאַנישער רעפּובליק — „מעדאַלדע וואַלאָר". אין די העלדישע קאַמפן פון דער „דאָמבראָווסקי"־בריגאַדע האָט די „באָטווין"־קאָמפּאַניע פאַרשריבן איינעם פון אירע שענסטע קאַפּיטלען פון איר עקזיסטענץ.

.17

די פאַשיסטן האָבן שנעל זיך פאַרשטאַרקט, זיי האָבן מאָביליזירט אַלע זייערע כוחות, כדי אָפּהאַלטן אונדזער זיגרייכע אָפענסיווע.

אונדזערע כוחות האָבן אין די פאַר טעג פון דער אָפענסיווע פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אויך אויף דער צווייטער זייט פון טייך עבראַ, פון פאַיאָן, פאַטארעלא, קארבערא ביז באַנדעסאָ, טשערטא און אמפּאָסטאָ.

די פאַשיסטישע כוחות אין מענטשן, אַוויאַציע, אַרטילעריע און אַנדערע מינים באַוואָפענונג זענען געווען פילמאָל גרעסער, מאָדערנער, מעכטיקער, ווי אונדזערע. פונדעסטוועגן האָבן זיי בשום אופן נישט געקאָנט אונדז צוריקשטויסן איבער דער עבראָ. די קאַמפן זענען געווען פאַרביטערטע און אומברחמנותדיקע.

די „באָטווין"־קאָמפּאַניע צוזאַמען מיטן „פּאַלאַפאָקס"־באַטאַליאָן האָט פאַרנומען פּאָזיציעס ביי די בערג פון גאַנדעסאַ. זיי האָבן זיך פאַר־

גראָבן אין די פעלדזן פון סיעראָ דע לאָס קאבאליאָס און פאנדאָלאָס, ביי די בערג פון פאטערעליא און אַנדערע.

נאָכן טויט פון דעם 4=טן שוין קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין“=קאָמפּאַניע, פונעם אומפאַרגעסלעכן ישראל האלבערסבערג, קומט צוריק מינק און נעמט איבער די אָנפירונג פון דער קאָמפּאַניע. דאָס אָרט פון דעם שווער=פאַרוווּנדעטן פּאָליט=קאָמיסאַר פון דער קאָמפּאַניע, יוזעף ספּיראָ, וועלכער איז בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה אומגעקומען אין פּוילן אין קאַמף קעגן דייטשישן אָקופּאַנט, פאַרנעמט דיעגאָ מולא.

דיעגאָ מולא איז געווען אַן 18=יאָריקער פּאָרט=אַרבעטער, אַן אַנאַרכיסט, וועלכער האָט זיך העלדיש אויסגעצייכנט אין דער פאַרביטענער און אומגלייכער שלאַכט ביי דער עבראָ. דיעגאָ מולא איז געווען איינער פון די שענסטע שפּאַנישע געשטאַלטן אין אונדזער קאָמפּאַניע.

די „באָטווין“=קאָמפּאַניע האָט וואָכן=לאַנג פאַרביטערט און פאַרביסן געקעמפט אויף די פּאָזיציעס פון סיערא דע לאס קאבאליאָס און סירא דע פאנדאָלאָס, וועלכע זענען געווען די שליסל=פּאָזיציעס פון גאנדעסא.

מיט מאַשין=געווער, עטלעכע מאָרטירערס און אַנדער פּרימיטיוו געווער, אין פאַרגלייך צו דעם מאָדערנעם געווער, מיט וועלכן עס זענען געווען אויסגעשטאַט די פאַשיסטן, האָבן די „באָטווינצעס“ פאַרביסן געקעמפט און העלדיש פאַרטיידיקט יעדן צענטימעטער פון זייערע פּאָזיציעס.

הייס האָט געברענט די זון אין די חדשים אויגוסט און סעפּטעמבער 1938 אין די בערג ביים עבראָ=פראָנט. נאָך הייסער איז געוואָרן די פאַרברענטע ערד נאָכן שעהנלאַנגן פייער, מיט וועלכן די פאַשיסטן האָבן אָן אויפהער טאָג=טעגלעך באָמבאַרדירט, באַשאָסן די פּאָזיציעס פון דער קאָמפּאַניע. יעדן טאָג טויטע און פאַרוווּנדעטע, אָבער די „באָטווינצעס“ פאַרלאָזן נישט קיין פּאָזיציעס אָן א באַפעל.

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן די „באָטווינצעס“ געקעמפט ביזן 25=טן סעפּטעמבער, ביזן מאָמענט, ווען די אינטערבריגאַדעס זענען אויפן סמך פונעם באַשלוס פון דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג צוריקגעצויגן געוואָרן פון פראָנט און דעמאָביליזירט געוואָרן. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער סעסיע פון דעם דאַן עקזיסטירנדיקן פעלקער=בונד, וועלכע האָט באַשלאָסן, אַז ביידע צדדים, ד. ה. די פאַ=

שיסטן און די רעפּובליקאַנישע רעגירונג וועלן צוריקציען פון פראָנט אַלע אויסלענדישע סאָלדאַטן און זיי צוריקשיקן פון וואַנען זיי זענען געקומען. אין דער אמתן איז אָבער געווען אַזוי, אַז די רעפּובליקאַנישע רעגירונג האָט אויסגעפירט דעם באַשלוס פון פעלקער־בונד, און די פאַשיסטן האָבן עס נישט געטאָן.

וועגן דעם העלדישן קאַמף פון די „באָטווינצעס“ אויפן עבראָ־פראָנט איז כדאי איבערצוגעבן דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד.

אין ערך דעם 21 — 22־טן סעפּטעמבער, נאָך אַ 2־חדשימדיקן קאַמף, ווען די יאַטן זענען שוין געווען זייער מיד, אויסגעמאַטערט, האָבן זיך די פאַשיסטן אַרייַנגעריסן אין זייערע אָקאָפּעס. דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביסענער, מען האָט געקעמפט אויף באַגנעטן. די קאָמפּאַניע איז געווען איזאָלירט פון דער באַטאַליאָן־אָנפירונג; ס׳איז אוממעגלעך געווען זיי צוצושיקן פאַרשטאַרקונגען. פאַרצווייפלט האָבן די „באָטווינצעס“ געקעמפט אויג אויף אויג מיט די פאַשיסטן, אָבער די פאָזיציע האָבן זיי נישט אָפּגעגעבן. ווען די שכנותדיקע אייַנהייט האָט פונדער־ווייטנס געהערט די שיסעריי אין די אָקאָפּעס פון דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע, האָבן זיי געמיינט, אַז די פאַשיסטן האָבן פאַרנומען די פאָזיציע פון דער קאָמפּאַניע.

אין דעם קאַמף זענען דאָן אומגעקומען פיל „באָטווינצעס“, צווישן אַנדערע דער העלדישער פּאָליט־קאָמיסאַר, דיעגאָ מולא, דער גוטמוטי־קער יונגער אַנאַרכיסט, אַן אויסערגעוויינלעך־מוטיקע און הומאַניטאַרע געשטאַלט. דיעגאָ איז נישט נאָר געווען א פּאָליטיש אַנטוויקלטער גוטער אַנטיפאַשיסט, ער איז געווען אַווירקלעכער ברודער פון אַלע זייַנע חברים אָן אונטערשיד פון ראַסע און נאַציע. ס׳איז אויך דאָרט געפאַלן דער פּאַלעסטינער רעוואָלוציאָנער שמעריל שודרעס, דער יונגער וואַר־שעווער בחור אנרי קראַקויער, זיידענשטאַדט, דער פּאַלעסטינער קאָמו־ניסט בר־עקיבא (פּייוול זאַוואָדניק) און אַנדערע.

אין אויבן באַשריבענעם קאַמף, וועלכער איז פאָרגעקומען אין די לעצטע טעג פאַרן פאַרלאָזן דעם עבראָ־פראָנט, האָט זיך די „באָטווין“־קאָמפּאַניע געפונען אויף דער פאָזיציע ביי די בערג פון פּאַטאַרעלאַ־טאַראַגאָנאַ. פאַרן אָנגריף, וועלכן איך האָב אויבן באַשריבן, האָבן די פאַשיסטן עטלעכע טעג אַטאַקירט די פאָזיציע פון דער „באָטווין“־קאָמ־פּאַניע מיט 23 מאַרטירערס פון קאַליבער 50 און 18. פון די אָקאָפּעס האָט מען בייטאָג זיך נישט געקאָנט רירן. ערשט בייַנאַכט האָט מען

געקאָנט עוואַקואירן די פאַרוואונדעטע, צוטראָגן זיי עפּעס צום עסן און טרינקען, נאָר ביינאַכט האָט מען געקאָנט באַגראָבן די טויטע.

אין דעם קאַמף אויף באַגנעטן זענען אויך געפאַלן פיל שפאַניער און דער סאָוועטישער יידישער פריוויליקער, סאַמועל קמחי, דער קאַלישער קאָמוניסט קלמן העלפאַנד. כדאי צוצוגעבן, אַז אין יענעם טאָג איז די „באָטווין“=קאָמפאַניע באַשטאַנען פון עטלעכע און דרייסיק מאַן.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז נאָך דעם דאָזיקן פאַרביטערטן קאַמף, ווען די ביים לעבנגעבליבענע „באָטווינצעס“: גילאַרי, שקלאַווין, פאַיאַנס, האָבן לויטן באַפעל פאַרלאָזן די פּאָזיציע, האָבן די פאַשיסטן מורא געהאַט זי באַלד צו פאַרנעמען.

דער פּאָליט=קאָמיסאַר פון דעם „פּאַלאַפאָקס“=באַטאַליאָן אין יענער צייט, מישאַ רעגער, שרייבט וועגן דער „באָטווין“=קאָמפאַניע צו דער רעדאַקציע פון דער „באָטווין“=צייטונג:

„מיר האָבן דיין בריוו וועגן פרישן מאַטעריאַל דערהאַלטן. שטעל דיך פאָר, אַז די קאָמפאַניע געפינט זיך אויף איינער פון די שווערסטע פּאָזיציעס פון עברא=פראָנט. זי איז אונטערגעוואָרפן אַ שטענדיקן פייער. איר פלאַנג איז נישט געדעקט און די אָקאָפּעס שיצן קוים פאַר זייטנפייער. די סאָלדאַטן קאָנען זיך נישט באַוועגן ביי טאָג, נישט שלאָפן ביינאַכט. זיי זענען שטענדיק גרייט צום קעגן=אָנגריף און מוזן נאָכשפּירן מיטן אויג יעדע באַוועגונג פון שונא. די יאַטן פאַרבייסן די ליפן, די באַוואַקסענע פנימער זענען מיד, אָבער דעצידירנדיקע.

די אויערן ווערן טויבלעך, אָבער הערן פונקטלעך די שטימען פון פרויען און קינדער, ווי פון אַלע באַוואָלטע אין דער גאַנצער וועלט ווען מיר פאַרטיידיקן דאָ“.

דאָס אָרט פון פאַרוואונדעטן קאָמענדאַנט מינק האָט פאַרנומען שערמאַן און אין אַ מאָמענט פון גרעסטער געפאַר הער איך אַלע מאָל דורכן טעלעפאָן זיין שטימע, זיין רואיקע שטימע: „באַפעל! באַפעל!“ און יעדעס מאָל וווּנדערט מיך, ווי נאָרמאַל עס קלינגען אין דער יידישער שפּראַך אָט די פעלד=באַפעלן און מיליטערישע באַגריפן.

פיל העלדן פון דער „באָטווין“=קאָמפאַניע זענען אויף אייביק פאַרבליבן אויף דעם עברא=פראָנט. ס'זענען אָבער אויך געבליבן לעבן איינציקע פון די העלדישע „באָטווינצעס“ פון יענעם פראָנט.

איינער פון זיי איז דער געוועזענער קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין“=קאָמפאַניע, דער באַשיידענער קאָמוניסט עמנואל מינק; דער קויל=

גרעבער פון פראַנקרייך, מאַרטשין שימאַנסקי. מאַרטשין איז אַלס יונגער
יאַט געקומען קיין שפּאַניע. ער געפינט זיך אין דער „באָטווין”=קאָמפּאַ=
ניע פון סאַמע אָנהייב ביזן סוף פון איר עקזיסטענץ. מאַרטשין איז
איינער פון די העלדישסטע סאָלדאַטן פון דער קאָמפּאַניע. ער איז אויפן
עבראָ=פראָנט שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָך עטלעכע טעג אנטלויפט
ער פון שפּיטאָל צוריק אויפן פראָנט און מאַכט מיט מיט דער „באָט=
ווין”=קאָמפּאַניע כמעט אַלע קאַמפן; דער עלטערער יידישער אומפּאַר=
טייאישער פרייוויליקער גאָלדרינג, וועלכער קעמפט מיט מסירת=נפש
ביי זיין מאַשין=געווער און פאַרטיידיקט העלדיש די פּאָזיציע פון דער
„באָטווין”=קאָמפּאַניע. כדאי איז אויך צו דערמאָנען די אויסערגעוויינ=
לעך=העלדישע האַלטונג פון דעם שוין עלטערן אומפּאַרטייאישן חבר,
וועלכער איז געווען פול מיט ליבע צו זיינע חברים און האָט צו די פאַ=
שיסטן — דעם סאַניטאַר פון דער „באָטווין”=קאָמפּאַניע, פאַיאַנס.
פאַיאַנס האָט אויפן עבראָ=פראָנט בייטאָג און ביינאַכט אונטער אַ
כסדרדיקן האָגל פון פייער דערפילט זיין פליכט. א סך „באָטווינצעס“
האָבן אים טאָקע צו פאַרדאַנקען זייער לעבן.

דער קאַמף אויפן עבראָ=פראָנט איז געווען אַ פאַרביסענער, אָבער
דאָ האָט נאָכאַמאָל די „באָטווין”=קאָמפּאַניע באַוויזן אַלעמען, ווי העל=
דיש עס קאָנען יידישע שניידער און שוסטער קעמפן קעגן פאַשיזם. די
פאַשיסטן האָבן אויף די פּאָזיציעס ביי סיעראַ דע לאַס קאַבאַליאָס און
אַנדערע געשפּירט דעם טעם פון דעם פאַרביטערטן און פאַרעקשנטן
קאַמף פון די יידישע „באָטווינצעס“. מען האָט דאָרט אויפן פראָנט גע=
שמועסט, אַז די פאַשיסטן האָבן גערופן די „באָטווינצעס“, וועלכע האָבן
אַזוי פאַרביסן פאַרטיידיקט איניקע פּאָזיציעס, „די רויטע טייוואָלאָנים“.

און אַזוי זענען מיר מידע און מיט פול פאַרדרוס געצוואונגען געווען
צו פאַרלאָזן די פּאָזיציעס פון עבראָ=פראָנט און צו לאָזן אונדזערע
שפּאַנישע פריינד און מיטקעמפער אַליין אין זייער פאַרביטערטן קאַמף
קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם. האַרציק און ברידערלעך האָבן
אונדז געזעגנט אונדזערע קאַמפס=חברים אויפן פראָנט און אויך די
ציווילע באַפעלקערונג פון פאַלסעט און אומגעגנט.

דעם 26=טן סעפּטעמבער 1938 זענען מיר שוין אַלס ציווילע גע=
וועזן קאָנצענטרירט אין אַ שטעטל ביים מיטללענדישן ים אין קאַטאַלאָ=
ניע, אין קאַליעלאַ סור מער.

מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז אין דער צייט פון די קאַמפן אויפן עבראָ־פראָנט האָט די רעדאַקציע אַרויסגעגעבן שוין אַ געדרוקטן 5־טן נומער פון דער „באַטווין"־צייטונג.

.18

אין קאַליפאָ האָבן זיך מייסטנס געפונען די איינהייטן פון דער „דאָמבראָווסקי"־בריגאַדע און פון דער פראַנצויזישער בריגאַדע, וועלכע זענען גלייך צוריקגעפאָרן קיין פראַנקרייך. אויך א סך פון אונדזערע קעמפער, וועלכע האָבן געהאַט פאַרן קומען קיין שפּאַניע שטענדיקע וווינערטער אין פראַנקרייך אָדער בעלגיע, האָבן פאַרלאָזט שפּאַניע.

פון אַנדערע קאָנצענטריר־פונקטן האָבן פאַרלאָזן שפּאַניע, צוריק פאָרנדיק אין זייערע היימלענדער, די אַמעריקאַנער, ענגלענדער, קאַנאַ־דער א. אַנד. פרייוויליקע, וועלכע האָבן געקעמפט אין די אינטערבריגאַדעס.

פאַרן אָפּפאָרן פון די אינטערבריגאַדיסטן איז אין באַרצעלאָנע פאָרגעקומען אַן אימפּאָזאַנטע געזעגענונגס־אימפּרעזע, אויף וועלכער די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס האָבן דעפּילירט פאַר דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער רעגירונג.

אויף די גאַסן פון באַרצעלאָנע זענען די אינטערבריגאַדיסטן אין דעם טאָג נישט נאָר געזעגנט געוואָרן פון די רעגירונגס־מיטגלידער, וועלכע האָבן אונדז פאַרזיכערט, אַז ווען ס'וועט זיגן די שפּאַנישע רע־פּובליק וועט שפּאַניע זיין אונדזער צווייט פאָטערלאַנד, נאָר אויך דורך דער ציווילער באַפעלקערונג. שווער איז איבערצוגעבן די האַרציקייט, מיט וועלכער אַלט און יונג האָט אונדז געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן אויף די גאַסן פון באַרצעלאָנע.

איינע פון די פּאָליטישע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע האָבן נאָכאַמאָל דעמאָנסטרירט אין שפּאַניע די ראָל און העלדישקייט פון די יידישע קעמפער קעגן דעם פאַשיזם אין שפּאַניע, איז געווען די לוויה פון לעצטן פרייוויליקן, וואָס האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן אין קאַמף פאַר דער שפּאַ־נישער רעפּובליק — כאַסקל האָניגשטיין. די לוויה איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן דורך דעם קריגס־מיניסטעריום אויפן חשבון פון דער מלוכה.

די גאַנצע שפּאַנישע פּרעסע האָט געשריבן וועגן כאַסקל האָניג־שטיינען אַלס א יידישן קעמפער פון פּוילן. פאַרטרעטער פון דער אַר־

מיי און פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען האָבן ביים אָפּענעם קבר אונ־טערגעשטראָכן די ראָל פון די יידישע פרייוויליקע אין קאַמף קעגן דעם פאַשיזם אין שפּאַניע.

כאַסקל האַניגשטיין האָט געשטאַמט פון לובלין. נאָך פאָרן קיין שפּאַניע האָט ער געהערט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לובלין.

אין 1938 קומט ער דירעקט פון פּוילן קיין שפּאַניע. ער ווערט צוגעטיילט צום „פּאַלאַפאָקס"־באַטאַליאָן, אין דער ספּעציעלער קאָמ־פּאַניע. ער באַדינט אַ מאַשין־געווער, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַ יידישן העלד, וועלכער איז געפאַלן אין שפּאַניע — יוזעק רובינשטיין.

בעת אַ שטאַרקער אַטאַקע פון די פאַשיסטן, אין די שווערסטע טעג פון סעפּטעמבער 1938 אויפן עבראָ־פראָנט, איז כאַסקל מיט זיין מאַשין־געווער געלעגן אויף אַ פּאָזיציע נישט ווייט פון דער „באַטאַליאָן"־קאָמפּאַניע. כאַסקל מאָביליזירט זיין עסקאַדרע פון מאַשין־געווער און אַטאַקירט די פאַשיסטן, וועלכע גרייפן אָן די „באַטאַליאָן"־קאָמפּאַניע. ביי דעם קאַמף איז כאַסקל שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן.

„מען מוז העלפן דער „באַטאַליאָן"־קאָמפּאַניע!" — שרייט כאַסקל אויס, בעת ער ווערט פאַרוואונדעט.

אין שפּיטאָל שטאַרבט כאַסקל האָניגשטיין פון זיינע וווּנדן.

אָט וואָס ס'האָט דאַן געשריבן דער באַקאַנטער שפּאַנישער פּאָעט וועגן כאַסקל האָניגשטיינען:

כאָסע הערעראַ פּעטעראַ

כאַסקל האָניגשטיין, אַן אַרבעטער,
אַ יונגער ייד פון ווייטן פּוילן,
איז אונטער אונדזער זון געפאַלן
דורכגעלעכערט פון די קוילן.

אונדזער פאָלק דיין טויט באַזינגט,
טראָגט אייראָפּע אים אנטקעגן —
כאַסקל האָניגשטיין, אַן אַרבעטער,
איז אויסגעגאַן אויף שפּאַניעס וועגן.

עס איז דיין בלוט דער לעצטער טראָפּן
פון דער לאווע מוט און צאָרן,
וואָס פון אַלע עקן וועלט
האָט קיין שפּאַניע זיך דערטראָגן.

עס איז דיין בלוט — דער לעצטער פונק
פון פלאַם, וואָס גרענעצן צעאַקערט,
וואָס די שרעק אין אַש פאַרוואַנדלט
און די האָפענונג צעפלאַקערט.

ליבער ברודער פון צפון,
אַרבעטער פון פוילן ווייטן!
ווען ס'האָבן אויף דיין טויטן פּנים
בלאַנקע טראָפּנס טויט צעשפּרייט זיך

האָבן פוילנס שטאָלצע סאָסנעס
זיך געוויגט אין גרינעם שלייער,
פונקט ווי אינעם טאָל פון עבראָ
די איילבירטן אינעם פייער.

חבר אונדזערער — סאַלוט!
פון שלאַכטפעלד דעם סאַלוט פאַרנעם;
מיר וועלן, כאַסקל, פאַר דיין טויט
וואָס ליבע איז — נקמה נעמען!

יידיש: מ. ש.

די פּריוווּיליקע, וועלכע האָבן געשטאַמט פון די פאַשיסטישע לענ־דער אָדער די וועלכע האָבן געלעבט אויף עמיגראַציע צייטווייליק, זע־נען פאַרבליבן אין שפּאַניע וואַרטנדיק אויף אַ מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן אין אַ לאַנד, וווּ מען וואָלט זיי געוואָלט אויפנעמען.

אין אזאַ לאַגע האָבן זיך געפונען פּאָליאַקן, דייטשן, יוגאָסלאַוון א. אַנד. אין די רעפּאַטריאירונגס־צענטערס, ווו ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט די דעמאָביליזירטע אינטערבריגאַדיסטן, זענען מיר געווען איינגעטיילט אויף נאַציאָנאַלע גרופּן אין וועלכע ס׳איז געפירט געוואָרן זייער אַן אַקטיווע פּאָליטישע און קולטור־טעטיקייט.

דער לאָזונג איז געווען: „דער קאַמף דויערט ווייטער!“

אויך מיר, יידישע פרייוויליקע, וועלכע האָבן נישט געהאַט וווהין צו פאָרן, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ ספּעציעלער גרופּע, ביי דער פּוילישער גרופּע, וועלכע איז געווען די גרעסטע אין קאַליעלאַ. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען אונדז פאָרגעלייגט צו פאָרן קיין מעקסיקע. אונדזערע פאַמיליעס האָבן אונדז געדאַרפט טרעפן אין מאַרסעל און פון דאָרט — קיין מעקסיקע.

פיל פון אונדז האָבן דעם פאָרשלאַג אָנגענומען, און אין איינעם פון די לעצטע אָקטאָבער־טעג 1938 האָט מען אונדז אויף אַלע באַן־סטאַציעס פון שפּאַניע געזעגנט מיט מוזיק און מיט גרויס הארציקייט, אַזוי זענען מיר דערפאָרן ביז דער באַן־סטאַציע פון פּאָרט באָ, ביי דער פראַנצויזישער גרענעץ.

אויף דער באַן־סטאַציע פון פּאָרט באָ זענען מיר געשטאַנען 48 שעה, און דערנאָך האָבן מיר געמוזט צוריקפאָרן קיין קאַליעלאַ. די פראַנצויזישע דאַלאַדיע־רעגירונג האָט פאַרווערט אונדז צו געבן טראַנזיט־וויזעס.

.19

נאָך אייניקע טעג אָפּרו אין קאַליעלאַ, נאָך דער נסיעה קיין „מעקסיקע“, האָבן מיר אָנגעהויבן אַ קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע פרייוויליקע.

אונטערן לאָזונג „דער קאַמף קעגן פאַשיזם דויערט ווייטער!“ האָבן מיר צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער ס׳האָבן אָנטיילגענומען דעלעגירטע פון די יידישע פרייוויליקע פון אַלע געוועזענע אייגהייטן פון דער „האַמבראָווסקי“־בריגאַדע. די קאָנפערענץ האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו מאָביליזירן די געוועזענע יידישע פרייוויליקע, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן שפּאַניע און פירן דעם ווייטערדיקן קאַמף קעגן פאַשיזם אין די לענדער, אין וועלכע זיי וועלן אָנקומען.

אויף דער קאָנפֿערענץ איז אויסגעווילט געוואָרן פֿאָלגנדיקער אַקציע־קאָמיטעט:

פּאָרזיצער: ס ע ו ו ע ק ק י ר ש ע נ ב ו י ם

סעקרעטאַר: א פ ר י ם וו ו ז ע ק

אַדמיניסטראַטאָר: ז י נ ג ע ר

פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַרן כאָר: י ו נ ה ג ע ד ו ל ד י ג

פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער דראַמאַטישער סעקציע:

א ב ר ה ם ר יי ט ע ר.

ס'איז שפּעטער פֿאָרגעקומען נאָך א צווייטע פֿאַרזאַמלונג פֿון יידישע אַקטיוויסטן אין קאַליעליאָ, וועלכע האָט באַשלאָסן צונויפֿצוזאַמלען מאַטעריאַלן, כדי אַרויסצוגעבן א בוך וועגן די יידישע פּריוויליקע אין שפּאַניע.

צו דעם צוועק איז אויסגעווילט געוואָרן א ספּעציעלער קאָמיטעט:

פּאָרזיצער: א פ ר י ם וו ו ז ע ק

פֿון „מיצקעוויטש“־באַטאַליאָן: א י נ ג אַ ץ ק ל י נ ג ע ר און א י צ ק אָ וו י ט ש

פֿון „דאָמבראָווסקי־באַטאַליאָן: ג ר אָ ס מ אַ ן און ר אָ ז ע נ ט אַ ל

פֿון „פּאַלאַפאַקס“־באַטאַליאָן: י ו נ ה ג ע ד ו ל ד י ג און י א ש א ר.

דעם 11 נאָוועמבער 1938 איז אין קאַליעליאָ פֿאָרגעקומען א דריטע פֿאַרזאַמלונג (אין וועלכער ס'האָבן אָנטיילגענומען בערך 40 יידישע אַקטיוויסטן) וועגן זאַמלען מאַטעריאַלן אויף אַרויסצוגעבן אַ בוך וועגן דער ראָל פֿון די יידישע פּריוויליקע און דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע אין שפּאַניע.

אין קאַליעליאָ האָבן מיר פֿאַרבראַכט ביז האַלב דעצעמבער. מיר האָבן כסדר געוואַרט אויף אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרלאָזן שפּאַניע, אָבער ליידער האָט קיין שום לאַנד זיך נישט געאייַלט אונדז אַרייַנצולאָזן, שוין נישט רעדנדיק וועגן פּאַל מעקסיקע.

די דעמאָקראַטיע פּוילישע רעגירונג האָט אונדז אַוועקגענומען די פּוילישע בירגערשאַפֿט, אַזוי אַז בכלל האָבן מיר געהערט צו די דאָן אַזוי גערופֿענע „סינאַציאָנאַלידאָר“ (היימלאָזע).

דעם 21 דעצעמבער 1938, אין יאָרטאָג פֿון דער גרינדונג פֿון דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע, האָבן מיר אַרויסגעגעבן דעם 6־טן נומער פֿון

דער „באַטווין"־צייטונג, און די אָנפירונג פון דער געוועזענער „דאָמ־בראָווסקי"־בריגאַדע האָט אין דעם טאָג אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן באַפעל (ס'איז אוממעגלעך אים צו געפינען).

ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער. קיל און פייכט איז ווינטער אין קאַטאַלאָניע. די פאַשיסטן אַטאַקירן קאַטאַלאָניע.

דער שונא האָט די רעפּובליקאַנישע אַרמיי צוריקגעשטויסן איבער דעם טייך עבראָ און אַטאַקירט אין דער ריכטונג פון באַרצעלאָנע. שווארצע וואָלקנס ציען זיך איבערן הימל פון קאַטאַלאָניע. די ציווילע באַפעלקערונג ווערט אומרואיק, די רעפּובליקאַנישע רעגירונג מאָביליזירט אַלע כוחות, כדי איינצוהאַלטן די פאַשיסטן.

מיר ווערן צוריקגעצויגן פון קאַליעליא נעענטער צו דער פראַנצויזישער גרענעץ, קיין פאַלאַפרוזעל. אונדזערע געדאַנקען לויפן אין דער ריכטונג פון די קאַמפן, וועלכע קומען פאָר אָן אונדז ביי די טויערן פון באַרצעלאָנע, וו ס'געפינט זיך די רעפּובליקאַנישע רעגירונג און איז די הויפּט־באַזע פון דער שפּאַנישער רעגירונג.

אויף דער צווייטער זייט פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניע, וועלכע איז געווען אָפּגעשניטן פון קאַטאַלאָניע, האָט זיך געפונען די 129־טע אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע. זיי זענען אויך געווען דעמאָביליזירט און זיי האָט געדראָט געגומען צו ווערן אין געפאַנגענשאַפט. אין יענער לאַגע האָבן זיי געהאַט איין אויסוועג: מיט א שיף זיך דורכרייסן פון וואַלענסיע צו איינעם פון די פּאָרטן פון קאַטאַלאָניע. און ס'איז זיי געלונגען. אינמיטן יאַנואַר 1939 זענען זיי אָנגעקומען מיט אַ שיף קיין באַרצעלאָנע און גלייך נאָכדעם צו אונדז קיין פאַלאַפרוזעל. צווישן זיי זענען געווען פיל יידישע פּרייוויליקע, ווי סיאָמקאַ קראַמסקאָי, מישאַ בראָן און אַנדערע.

די טעג, פון סוף יאַנואַר 1939, זענען אין פאַלאַפרוזעל געווען אומרואיקע. אין דער לופט האָט מען געפילט, אַז מען האַלט שוין ביי נעילה. אָבער ווי אַזוי האָט מען געקאָנט רואיק צוזען דעם שרעקלעכן נעראַנגל פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַזויפיל קרבנות אָוועקגעגעבן אין קאַמף פאַר זיין פרייהייט, קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם!

די שפּאַנישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז ס'דערנעענטערט זיך דער סוף: א טייל איז געווען צופרידן און האָט זיך שוין געגרייט אויפצונעמען פראַנקאָס סאָלדאַטן, אַן אַנדערער טייל האָט זיך אָנגעהויבן עוואַקואירן.

אין דער לאַגע, איז דעם 23־טן יאַנואַר פאָרגעקומען אין פּאַלאַפרוזעל אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אינטערבריגאַדיסטן, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין שטעטל. אָנגעפירט מיט דעם מיטינג האָט מישאַ רעגער, וועלכער איז דאַן געווען אין דער צענטראַלער אָנפירונג פון די דעמאָביליזירטע אינטערבריגאַדן.

דער מיטינג האָט נישט לאַנג געדויערט. דער ציל איז געווען פאַר אַלעמען קלאָר — מען מוז אין אַזאַ דראָענדיקער מיליטערישער לאַגע העלפן דער רעפובליק. די מערהייט פון אונדז האָט אויסגעדריקט די גרייטקייט נאָכאַמאָל זיך פרייוויליק צו אַנגאַזשירן אין דער רעפובליקאַנישער אַרמיי.

דער מיטינג האָט זיך געענדיקט מיט איין לאָזונג: אויפן פראָנט! אויפן פראָנט!

אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך די געוועזענע פרייוויליקע געשטעלט אין די רייען, כדי צו פאַרשרייבן זיך דאָס צווייטע מאָל אַלס פרייוויליקע.

און ווייטער אריין אין שינעל, אין די מיליטערישע בגדים. מען שטייט אין דער ריי נאָך געווער, און פון גאַנץ ווייט הערט מען שוין די אַרטילעריע־שיסעריי.

די אינטערבריגאַדיסטן, וועלכע געפינען זיך נאָך אין שפּאַניע ווערן ווייטער אָרגאַניזירט. און אונדזער בריגאַדע, די „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע, ווערט אין אַ געוויסער מאָס רעאָרגאַניזירט. אַלס קאָמענדאַנט פון אונדזער בריגאַדע ווערט באַשטימט דער געוועזענער שטאַב־אָפיציר פון „פּאַלאַפאַקס“־באַטאַליאָן, דער קאַפּיטאַן העניעק טאַרונטשיק, וועלכער איז געווען זייער באַקאַנט און באַליבט נישט נאָר אין „פּאַלאַפאַקס“־באַטאַליאָן, נאָר אויך אין דער גאַנצער בריגאַדע. אין אונדזער בריגאַדע האָבן זיך געשאַפן 2 באַטאַליאָנען, איינער פון פּאָליאַקן און דער צווייטער פון אונגאַרן און פרייוויליקע פון די באַלטישע לענדער.

דער קאָמענדאַנט פון פוילישן באַטאַליאָן איז דאַן געווען דער לייטענאַנט מראָזעק און פּאָליט־קאָמיסאַר, דער אונדז שוין באַקאַנטער אַדיוטאַנט פון גענעראַל וואַלטער, קאַפּיטאַן אַלעק שורעק.

די „באָטווין“־קאָמפּאַניע האָט זיך געפונען אין ערשטן באַטאַליאָן און אַלס קאָמענדאַנט פון דער קאָמפּאַניע איז באַשטימט געוואָרן עמנואל מינק און אַלס קאָמיסאַר, דער אונדז שוין באַקאַנטער באָטווינִיסט לעאָן פּאַקין.

דאָס איז פֿאָרגעקומען בליץ־שנעל, ווייל דעם 24־טן יאַנואַר זענען מיר שוין אָפּגעפֿאָרן מיט געווער אין האַנט פֿון פּאַלאַפּרוזעל, אין דער ריכטונג פֿון באַרצעלאָנע.

.20

קיל און רעגנדיק איז געווען דער פֿרימאָרגן פֿון 25־טן יאַנואַר, ווען מיר האָבן זיך שוין געפֿונען אין אַ פֿאַרלאָדענעם צוג, אין דער ריכטונג פֿון גראַנאָליערס. די פֿאַשיסטישע אַוויאַציע האָט מערדערליך באָמבאַר־דירט דאָס שטעטל, דעם וואָקזאַל.

אַלע באַן־ליניעס אויף דער סטאַציע זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט עוואַקוּאירנדיקע זיך צוגן. די פֿאַשיסטישע אַעראָפּלאַנען האָבן אָן אויפֿהער אַטאַקירט. אויף אַ באַפֿעל זענען מיר אַרויס פֿון די וואַגאָנען און זיך באַהאַלטן אין די פֿעלדער נישט ווייט פֿון דער באַן־סטאַציע. ווען די באָמבאַרדירונג האָט אויפֿגעהערט האָט זיך אונדז איינגעגעבן צוצופֿאָרן צום שטעטל לאַ־גאַריגאַ.

אין שטעטל זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז באַרצעלאָנע איז שוין פֿאַרנומען דורך די פֿאַשיסטן, און ביי לאַ־גאַריגאַ האָבן מיר געמוזט פֿאַרנעמען אַ פּאָזיציע, ווייל נישט ווייט האָבן זיך געפֿונען די פֿאַשיסטן.

אין לאַ־גאַריגאַ זענען מיר לאַנג נישט געווען, ווייל די פֿאַשיסטן האָבן אונדז נאָכמיטאָג אַטאַקירט אַזוי, אַז מיר זענען געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציען ביז דעם שטעטל קאַסאַ דעל סעלוויאַ. אונדזער קאָמ־פּאַניע איז דאַן געווען צוזאַמען מיט דער „שעווטשענקאָ"־קאָמפּאַניע. ביי קאַסאַ דעל סעלוואַ איז שוין פֿאַר אונדז קלאָר געווען, אַז מיר ציען זיך צוריק אין דער ריכטונג פֿון דער פֿראַנצויזישער גרענעץ. אונדזער הויפּט־אויפֿגאַבע איז געווען צו שיצן דאָס צוריקציִען זיך פֿון דער רע־פּובליקאַנישער אַרמיי און דער ציווילער באַפֿעלקערונג צו דער פֿראַנ־צויזישער גרענעץ. דעריבער איז אונדזער הויפּט־טאַקטיק געווען זיך נישט צו אַנגאַזשירן אין קיין לענגערן קאַמף מיטן שונא, ווייל די פֿאַ־שיסטן זענען געווען שטאַרקער אין צאָל און האָבן געהאַט אַ סך מער און מאָדערן געווער אין פֿאַרגלייך מיט אונדז.

ביי די קאַמפֿן אַרום קאַסאַ דעל סעלוואַ האָט די קאָמפּאַניע זיך נישט ווילנדיק צעטיילט און זיך ערשט געטראָפֿן בעת די קאַמפֿן ביים שטעטל ביסבאַל.

בעת די קאַמפֿן ביי ביסבאַל, ווו מיר האָבן געוואָלט אָפּהאַלטן אויף אַ געוויסער צייט דעם פֿאָרויסמאַרש פֿונעם שונא, איז אונדזער באַטאַליאָן שטאַרק אַטאַקירט געוואָרן און ס'האָט אים דאַן געדראָט ארומגערינגלט צו ווערן. די „באַטאָווין"-קאָמפּאַניע איז דאַן אויך געווען ארומגערינגלט און ס'איז דורך אַ נס געלונגען ביינאַכט זיך דורכצורייסן דורך דעם טייך טער און גליקלעך אַרויס פֿון דער סכנה.

טאָג-טעגלעך האָבן מיר געהאַט קליינע צוזאַמענשטויסן מיט די פֿאַשיסטן בעתן צוריקקער אין דער ריכטונג פֿון דער פֿראַנצויזישער גרענעץ. פֿאַשיסטישע אַרטילעריע און אַוויאַציע האָבן אונדז כסדר באַגלייט אין יענע שווערע און לעצטע טעג פֿון קאַמף אין שפּאַניע.

אין איינעם פֿון די טעג האָט כּמעט אונדזער גאַנצער באַטאַליאָן פֿאַרבלאָנדזשעט אין די בערג און וועלדער נישט ווייט פֿון כעראָנע. מיר האָבן געוואַנדערט נישט וויסנדיק, ווו ס'געפֿינט זיך דער שונא. ערשט שפּעט אין אָוונט האָט אונדז אַ שפּאַנישער פּויער אַראָפּגעפֿירט אין אַ שטעטל, ווו ס'זענען נאָך נישט געווען די פֿאַשיסטן.

ווען דער גאַנצער באַטאַליאָן איז ביינאַכט אַדורך דעם טייך טער, האָבן זיי זיך מידע און נאַסע געוואַרעמט אין אַ שטעטל, ביי די פּויערים געטריקנט זייערע נאַסע קליידער און געוואַרט אויף אַ ביסעלע וואַרעמס פֿון דער קיך.

איך האָב דאַן מיט דעם פֿאַראַנטוואָרטלעכן אינטענדענט פֿון דער בריגאַדע — קאַפּיטאַן שימאָן רוטקאָווסקי צוגעפֿירט אַ היים און גוט פֿרישטיק. ס'איז אָבער געווען צו ווייניק. מיר זענען נאָכאַמאָל געפֿאָרן מיט אַ לאַסט-אויטאָ און געבראַכט נאָך עסן פֿאַר די יאַטן.

הויך איז שוין געווען די זון אין דעם טאָג, ווען מיר זענען צוריקגעפֿאָרן. די פֿאַשיסטישע אַוויאַציע האָט זיך באַוויזן און גלייך אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן די לאַסט-אויטאָס, מענטשן, אַלץ וואָס האָט זיך געפֿינען אויפֿן שאָסיי. מיר זענען אַראָפּ פֿון אויטאָ. דער שאָפֿער, לויפֿנדיק אין פֿעלד, איז גלייך פֿאַרוווּנדעט געוואָרן, און איך מיט שימאָנען האָבן זיך (טראָץ דעם וואָס עס איז געווען פֿאַרבאָטן) אַרונטערגעלייגט אונטערן לאַסט-אויטאָ. אַ סעקונדע צייט האָט געדויערט, און עס האָט זיך דערהערט שימאָנס געשריי. ער איז שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אין רוקנביין.

ווען די באָמבאַרדירונג האָט אויפֿגעהערט, זענען די פֿאַרוווּנדעטע אָפּגעפֿירט געוואָרן מיט אַן אַמבולאַנס אין שפּיטאָל.

די לעצטע קאמפן זענען פארגעקומען נישט ווייט פון פיגעראס. אין די קאמפן האבן מיר נישט געהאט קיין גרויסע פארלוסטן. עטלעכע פון אונדז זענען פארוואונדעט געווארן, צווישן אנדערע איז דאן אויך געפאלן דער סערזשאנט פון אונדזער קאמפאניע, אברהם רייטער.

דעם 6-טן פעברואר האבן מיר זיך שוין דערנעענטערט צו דער פראנצויזישער גרענעץ אין דער ריכטונג פון פארט בא. ס'איז אוממעגלעך צו באשרייבן וואס עס האט זיך דאן געטאן אויף די וועגן, וועלכע האבן געפירט צו דער גרענעץ. א כמארע פון מענטשן — יונג און אלט, ציווילע און סאלדאטן — האבן אויף ארעמע פויערישע וואגנס געפירט זייער ביסל האב און גוטס, אנטלויפנדיק פון שונא.

פארביסן און טרויעריק האבן זיי אויסגעזען אין די שרעקלעכע טעג פון חודש פעברואר.

אדורכפארנדיק און אדורכגייענדיק דערפער און שטעטלעך האט מען געקאנט זען, ווי שוין פיל פון די איבערגעבליבענע איינוווינער גרייטן צו און שטעלן ארויס אין די פענצטער די פארטרעטן פון פראנקא און אנדערע פאשיסטישע „העלדן“.

אין אזא לאגע זענען מיר, דעם 8-טן פעברואר 1939, אנגעקומען צום גרענעץ-פונקט פון פארט בא.

דער פרימארגן איז געווען א קילער, ווען מיר האבן זיך אינסטאלירט אויפן בערגל ביים גרענעץ-שליאבאן. אין א קליין הייזעלע האט זיך געפונען די אנפירונג פון אונדזער בריגאדע: העניעק טארונטשיק, מראזעק, אלעק שורעק. מען האט דארט אויך געקאנט זען אנדרעי מארטי, מישא רעגער און אנדערע.

פונווייטנס האט מען געהערט שיסערייען און פון דער ים-זייט האט זיך אויפגעהויבן א שרעקלעכער רויך. וואס עס האט געברענט, האבן מיר נישט געוווסט.

זיצנדיק אויפן בארג האבן מיר געקאנט פונווייטנס, ווי נאר דאס אויג האט געקאנט דערגרייכן, זען ווי מענטשן ציען מיט זייער ביסל גוטס אין אונדזער ריכטונג. צי וועלן זיי באוויזן זיך צו ראטעווען?

די פוילישע בריגאדע איז דאן געווען די איינציקע, וועלכע איז, אין יענע טעג, ארגאניזירטערהייט אריבער די גרענעץ. פארנאכט איז נאך פארגעקומען אן אפעל, אויף וועלכן אנדרעי מארטי האט אין נאמען פון דער אנפירונג פון די אינטערבריגאדעס אונדז אויסגעדריקט אנערקענונג, און מיטן לאזונג: „דער קאמף דויערט!“ זענען מיר אריבער די גרענעץ.

אויפן וואָקזאַל אין פּאָרט באָ האָבן מיר באַקומען עפּעס צום עסן. געשלאָפן זענען מיר אויפן וואָקזאַל אונטערן פרייען הימל. צומאָגנס, דעם 19-טן פעברואַר 1939, הייבט זיך אָן די וואַנדערונג פון די געוועזענע פרייוויליקע פון די אינטערבריגאַדעס אויף דער פראַנצויזישער ערד.

די פראַנצויזישע ספּעציעלע זשאַנדאַרמעריע — „גאַרד מאָביל" האָט אונדז אַלעמען, שפּאַניער אָדער אינטערנאַציאָנאַלע, אַנטוואָפנט ברוטאַל, ביז נאַקעט אויסגעטאָן און רעווידירט, אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט צוגענומען און בלויז אין די קליידער געטריבן אונדז צענדליקער קילאָמעטער צופוס צו די שוין צוגעגרייטע קאָנצענטראַציע-לאַגערן פון אַרזעלעס און סאַן-סיפּריען. אין די דאָזיקע לאַגערן, אונטערן פרייען הימל, האָט די דאַלאַדיע-רעגירונג קאָנצענטרירט אין שרעקלעכע אומ-מענטשלעכע באַדינגונגען טויזנטער אינטערבריגאַדיסטן און צענדליקער טויזנטער שפּאַנישע רעפּובליקאַנישע סאָלדאַטן.

דאָס לעבן און קאַמף פון די אינטערבריגאַדיסטן, און צווישן זיי אויך פון די יידישע, אין די יאָרן 1939—1943, איז אַ פּרשה פאַר זיך.

מען מוז אונטערשטרייכן, אַז די יידישע פרייוויליקע אין די לאַגערן פון פראַנקרייך און צפון-אַפריקע זענען געווען צווישן די פאַרביסנסטע אַנטיפאַשיסטן, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דעם טעראָר און דראָונגען פון דער פראַנצויזישער לאַגער-אַדמיניסטראַציע.

זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פאַרשפּילטע שלאַכט אין שפּאַניע הייסט נישט, אַז דער קאַמף איז שוין פאַרענדיקט. ווי נאָר ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט-מלחמה און נאָכדעם דער קאַמף צווישן היטלער-דייטשלאַנד און דער אַנטיפאַשיסטישער קאָאַליציע (פון די מערב-מלוכות מיטן ראַטנפאַרבאַנד בראש), אַנטלויפן אַלע יידישע פרייוויליקע פון די לאַגערן, שטעלן זיך אין די ערשטע רייען און העלפן אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג אין פראַנקרייך און אויך אין פּוילן.

ווער קען נישט דעם העלדישן „באָטוויניסט" לעאָן פּאַקין, וועלכער איז אין פּאַריז געווען איינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע טוער פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג און איז פאַר זיין העלדישער טעטיקייט דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשישע פאַשיסטן? וויפל איז באַשריבן געוואָרן אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור דער יידישער פרייוויליקער מאַרסעל לאַנגער, דער פירער פון דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג אין דער געגנט פון טולוז? „דער העלד — שרייבט וועגן אים איינער פון די אָנטיילנעמער פון זיין עקזעקוציע — האָט געשמייכלט בעת מען האָט אים

געפירט צו דער עקזעקוציע. ער האָט מיטן גאַנצן כוח געשריגן: „זאָל לעבן פראַנקרייך!" „זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי!" אין אומ־ברחמנותדיקן קאַמף קעגן פאַשיזם אין פראַנקרייך זענען געפאַלן אַ סך יידישע פרייוויליקע, צווישן זיי יונה גערולדיג, קלמן אינזעל, עדעק ווינ־בערג און אַנדערע.

בעת דער II וועלט־מלחמה האָבן זיך אומלעגאַל הורכגעריסן, צו־זאַמען מיט זייערע פּוילישע חברים, אויך יידישע פרייוויליקע, וועלכע האָבן אויף דער פּוילישער ערד געקעמפט אין דער פּאַרטיזאַנער־באַווע־גונג און זייער לעבן אָפּגעגעבן. אין פּוילן איז געפאַלן דער געוועזענער פּאָליט־קאָמיסאַר פון דער „באָטווין־קאָמפּאַניע, דער הערלעכער און מו־טיקער רעוואָלוציאָנער, יוזעף ספּירא, דער יונגער קאָמוניסט מיכאל מיעל־זינסקי.

אלעמען איז דאָך באַקאַנט די געשטאַלט פון א נ ד ז ש ע י ש מ י ד ט — א געוועזענער יידישער פרייוויליקער פון שפּאַניע, וועלכער איז גע־ווען איינער פון די אָנפירער פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, און איז העלדיש געפאַלן בעתן געטאָ־אויפשטאַנד.

הונדערטער יידישע פרייוויליקע, צענדליקער לעבנגעבליבענע „באָט־ווינצעס" האָבן געקעמפט אין פאַרשידענע אַרמייען און אָפּגעגעבן זייער לעבן אין ווייטערדיקן קאַמף קעגן דעם פאַשיזם בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די יידישע פרייוויליקע און די „באָטווינצעס" האָבן געטריי גע־האַלטן די שבועה — דאָס געווער פון דער האַנט נישט געלייגט, ביז די פאָן פון פרייהייט איז נישט אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף די מויערן פון בערלין, ביז ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן די ברוינע בעסטיע — דער היט־לער־פאַשיזם.

פאַרצײכענונגען
וועגן ײדישע קעמפער
אין שפּאַניע

קאראָל גוטמאַן

דער ערשטער קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין"-קאָמפּאַניע

געשטאַמט האָט ער פון א בירגערלעכער משפחה אין ביאַליסטאָק. ער האָט באזיצט מיטעלע בילדונג, געדינט אין מיליטער און האָט געענדיקט אן אונטעראָפיצירן-שול אין פוילישן מיליטער.

ער האָט געהערט צו דער קפּפּ און געווען איינער פון אירע אקטיווע טוער אין ביאַליסטאָק. בעת זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט ער אויך פארזוכט די פוילישע תפיסה, ווו ער האָט זיך געהאלטן מוטיק און שטאָלץ.

ער קומט דירעקט פון פוילן קיין שפּאניע. ער איז איינער פון די ערשטע קעמפער אין „פּאַלאַפאקס"-באַטאַליאָן. קאראָל האָט געקעמפט מיט דער „דאָמבראָווסקי"-בריגאדע אויף די פראָנטן פון גודאלאַכארא, הועסקאַ, ברונעטא, ביי סאראַגאָסאַ און אנדערע.

זינט סעפּטעמבער 1937 איז קאראָל קאָמענדאנט פון דער צווייטער קאָמפּאַניע פון „פּאַלאַפאַקס"-באַטאַליאָן, וועלכער ווערט נאָכדעם פארוואנדלט אין דער „באָטווין"-קאָמפּאניע. איבערנעמענדיק די אָנפירונג פון דער „באָטווין"-קאָמפּאניע, האָט קאראָל ארויסגעוויזן גרויסע מיליטערישע פעיקייטן, זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גוטמוטיקן כאראקטער.

קאראָל איז בעת די איבונגען אויפן פראָנט געווען שטרענג, אָבער אין די פרייע שעהן איז ער געווען א חבר און פריינד. זייער כאראקטעריסטיש איז געווען דאָס פאָדערן פון קאראָלן אייזערנע דיסציפּלין פון אלעמען און אין די פרייע מינוטן איז ער געווען דער פריילעכסטער און אַ ביישפּיל פון א יונגן און לעבנסלוסטיקן מענטש.

ווען מיר זענען ארוים אויפן עסטראמאַדורער פראָנט, איז קאראָל

געווען ערנסט און ענערגיש. ער האָט זיך ווארשיינלעך אָפּגעגעבן א דין וחשבון פון דעם, אז ער פירט אין קאַמף, צום ערשטן מאָל, א יידישע איינהייט קעגן די פאשיסטן.

בראש פון דער קאָמפּאַניע האָט קאראָל זיגרייך געפירט די „באָטוויך"־קאָמפּאַניע צום אָנגריף און נאָכדעם אין דער פארטיידיקונג אויף די בערג פון סערא דע קעמאַדאַ. אין דעם פארביטערטן קאמף, וועלכער האָט געדויערט עטלעכע שעה, איז קאראָל גוטמאַן געפאלן.

ס'איז געווען גישט באַקאַנט דאָס אָרט פון זיין קבר, אָבער לאַנג, לאַנג האָבן די „באָטוויניצעס" דערמאַנט זייער ערשטן קאָמענדאַנט, וועלכער איז געבליבן אויף אייביק אין די בערג פון סערא דע קעמאַדאַ.

לעאָן רובינשטיין

לעאָן איז געבוירן אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק אין 1912. פון זיין יוגנט אָן איז ער שוין געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאָדזש. אלס 19־יאָריקער יוגנטלעכער ווערט ער פארמשפּט אויף צוויי יאָר תפיסה, וו ער האלט זיך ווירדיק, ווי עס פּאסט פאר א רעוואָלוציאָנער. ער פארלאָזט די תפיסה מיט א רייכן רעוואָלוציאָנערן באַגאַזש און זעצט פאָר זיין טעטיקייט נאָך מיט מער עקשנות און פארביסנקייט.

צוליב פּאָליציייאישן טעראָר פארלאָזט לעאָן אין 1933 פּוילן און עמיגרירט קיין פראנקרייך. אין פראנקרייך איז ער טעטיק ספּעציעל אויף דער יידישער גאַס און גלייכצייטיק שטודירט ער אין א טעכנישער הויכשול. אין 1936, ווען ס'ברעכט אויס דער בירגער־קריג אין שפּאַניע, רייסט לעאָן איבער זיינע שטודיעס און פאָרט קיין שפּאַניע.

אין שפּאַניע קעמפּט ער אויף פארשידענע פראָנטן. ער איז געווען 2 מאָל פארוואונדעט. ער דערגרייכט דעם ראַנג פון א לייטענאַנט און נעמט איבער די אָנפירונג פון דער פארבינדונגס־אָפּטיילונג פון דער „דאָמבּראָווסקי"־בריגאַדע.

סוף פעברואר 1938, נאָכן טויט פון דעם ערשטן קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע, קאראָל גוטמאַן, וועלכן ס'האָט דאַן צייטווייליק פארטראָטן טאַדעוש שליאַכטאַ, נעמט לעאָן איבער די אָנפירונג פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע.

ווער פון די „באַטווינצעס“ געדענקט נישט דעם פעסטגעבויטן, מיטלוווקסיקן לעאָנען, וועלכער האָט געטראָגן דעם בערעט אויף א זייט; ווער געדענקט נישט לעאָנען, מיט זיין שטרענג פנים און גלייכצייטיק גוטמוטיקן שמייכל? אַלע „באַטווינצעס“ געדענקען אים, ווען ער האָט אונדז אין די שווערע טעג פון דעם צוריקצוג פון אַראַגאָן געפירט אין קאמף קעגן די פאשיסטן ביי קאספע, וווּ ער איז זייער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. לעאָן איז געווען דער הויפט-פירער פון „פאַלאפאקס“-באַטאליאָן אין יענער צייט.

טאָג איין, טאָג אויס, הונגעריק, אָן שלאָף האָבן מיר זיך צוריקגעצויגן אונטערן דרוק פון דער פאשיסטישער אָפענסיווע. לעאָן האָט די קאָמפּאַניע געפירט מיט גרויס קונסט, און דעריבער האָבן מיר געהאט זייער ווייניק פארלוסטן. לעאָן האָט דעם 16-טן מערץ 1938 אָרגאַניזירט צוזאמען מיט דעם אדיוטאַנט אדאם לעווינסקי, דעם באקאַנטן קאָנטר-אַטאַק ביי קאספע. דאָ האָט לעאָן געוויזן זיינע מיליטערישע פעיקייטן, מוט און אויסדויער. די „באַטווין“-קאָמפּאַניע אונטער לעאָנס אָנפירונג איז געווען די נשמה פון דעם אויבנדערמאָנטן קאָנטראַטאַק, וועלכער האָט אָפּגעהאלטן דעם פאשיסטישן פאָרויסמאַרש אויף א געוויסער צייט. דער באַטאליאָן און די „באַטווין“-קאָמפּאַניע זענען דאַן אויסגעצייכנט געוואָרן אין א ספּעציעלן באַפעל. אין דעם קאַמף איז לעאָן זייער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און איז רעפּאַטריאירט געוואָרן קיין פראַנקרייך.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט-מלחמה געפינט זיך לעאָן אין ראַטנפאַרבאַנד. ער טרעט אריין אין דער דאָרט שאַפנדיקער זיך פּוילישער אַרמיי און נעמט אָנטייל אין פאַרשידענע קאמפן, ווי אויך אין די קאמפן פון באפרייען פוילן.

נאָך דער באפרייונג פון פוילן פאַרנעמט לעאָן פאַרשידענע הויכע מלוכה-פּאָסטנס, וווּ ער אַרבעט געווויסנהאַפט און איז באליבט פון זיינע מיטאַרבעטער. תמיד בלייבט ער דער רעוואָלוציאָנער און קעמפער לעאָן רובינשטיין.

די וווּנדן, וועלכע ער האָט באקומען ביי קאספע האָבן געלאָזט אויף זיין געזונט שווערע שפּורן. עטלעכע יאָר האָט ער געקרענקט, אָבער ער האָט זיין אַרבעט אלס וויצע-מיניסטער פון דער שווער-אינדוסטריע נישט פאַרלאָזט און דעם 16-טן סעפּטעמבער 1961 איז ער אין ווארשע, ביי דער ארבעט, פּלוצלינג געשטאָרבן.

יוזעף ספּיראָ

געבוירן אין 1911 אין א יידישער קליינבירגערלעכער פאַמיליע אין כשאַנאָוו. אין קראָקע ענדיקט ער די גימנאזיע און פון 1929 שטודירט ער אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין א טעכנישער הויכשול. פון 1930 איז ספּיראָ שוין טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ספּיראָ ווערט באַליבט ביי די סטודענטן, וועלכע באַפולמעכטיקן אים צו אָרגאַניזירן אין דער הויכשול דעם „דעמאָקראַטישן פראָנט". אין 1933 איז ער טעטיק אין דער רעדאַקציע פון דער סטודענטן=צייטונג אין ברין (טשעכיע).

פון 1933 איז ספּיראָ אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי אין טשעכיע און פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט ווערט ער באַזייטיקט פון דער הויכשול אין ברין.

פון סוף 1933 ביז 1937 שטודירט ספּיראָ אין דעם אוניווערסיטעט פון זאַגרעב (יוגאָסלאַוויע), וו ער איז אויך א טעטיקער מיטגליד פון דער יוגאָסלאַווישער קאָמפּאַרטיי.

סוף 1937 קומט דער יידישער אינטעליגענט יוזעף ספּיראָ קיין שפּאַניע. א געוויסע צייט איז ער געווען פּאָליט=קאָמיסאַר אין דער 4=טער קאָמפּאַניע פון „דאָמבראָווסקי"=באַטאַליאָן, און פון יוני 1938 — פון דער "באָטווין"=קאָמפּאַניע.

ספּיראָ האָט געקעמפט אויף דעם עסטראַמאַדורער פראָנט, ביים צוריקצוג פון אַראַגאָן און ביי דער פאַרטיידיקונג פון לערידאַ. צוזאַמען מיט האַלבערסבערגן פירט ספּיראָ די „באָטווין"=קאָמפּאַניע ביי דער עבראָ=אָפענסיווע. ער קעמפט ביי קאַרבעראָ און גאַנדעסאַ. דעם 14טן אויגוסט 1938, בעת די קאַמפן ביי גאַנדעסאַ ווערט ספּיראָ צום צווייטן מאָל פאַרוואונדעט. נאָכן ארויסגיין פון שפּיטאָל קערט ער זיך נישט צוריק אויפן פראָנט און אַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער צייטונג פון דער „דאָמבראָווסקי"=בריגאַדע „אָכאָטניק וואָלנאָשטשי".

ספּיראָ איז געווען זייער א מוטיקער און זיין הויפּט=שטריך איז געווען דאָס גיכע צונויפלעבן זיך מיט די סאָלדאַטן. ער איז געווען א גוטמוטיקער און געהאַט זייער א גוטן כאַראַקטער. כ'געדענק, אז אפילו ווען ער איז געווען זייער אויפגערעגט, האָט ער אויך געשמייכלט.

סוף פעברואַר 1939 נאָכן אריבערגיין די פראַנצויזישע גרענעץ, געפינט זיך ספּיראָ אין פּאַריז און אַרבעט אין יידישן הילפס=קאָמיטעט פאַר די שפּאַנישע פריוויליקע.

אין 1939 ווערט ער מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי אין פראַנקרייך און בעת די קאַמפן פאַלט ער אַריין אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט. אָבער דער פאַרהאַרטעוועטער רעוואָלוציאָנער און קעמפער ספּיראַ וואַרט נישט אויף קיין ניסים און אַנטלויפט פון געפאַנגענלאַגער דורך אַ קאַנאַל קיין פּאַריז און אַזוי אַרום באַפרייט ער זיך פון דער פאַשיסטיש־דייטשישער געפאַנגענשאַפט.

ווי נאָר ער קומט, אָנהייב 1941, צוריק קיין פראַנקרייך, ווערט ספּיראַ איינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַטאָרן און קעמפער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פּאַריז. ער איז איינער פון די שעפער פון דער רעדאַקציע פון דער אומלעגאַלער צייטונג „אומאָפּהענגיקייט" און שעף־רעדאַקטאָר פון אומלעגאַלע אויסגאַבן (צייטונגען, אויפרופן א.א.וו.). יוזעק איז פּונקט ווי אין שפּאַניע אויך דאָ, וווּ דער קאַמף קעגן פאַשיזם איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע פאָרמען, מוטיק, אין זייער אַ גוטן הומאָר, תמיד מיטן שמייכל און גוטמוטיקן אויסדרוק.

יוזעק באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיטן קאַמף קעגן דעם דייטשישן פאַשיזם אין פראַנקרייך, ער טרוימט צו קעמפן קעגן דער דייטשישער בעסטיע דאָרט, וווּ זי מאָרדעט אויס צוממייסטן ייִדן — אויף דער פּוילישער ערד. סוף 1942 רייסט ער זיך דורך פון פראַנקרייך קיין פּוילן וווּ ער קעמפט אין דער פאָלקס־אַרמיי (אַרמיאַ לודאָוואַ). ער איז שטעלפאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט פון דער אָפּעראַציע־גרופּע פון דער פאָלקס־גוואַרדיע א.ג. פון טאַדעוש קאָשטשושקאָ אין לובלינער קרייז.

אין יוני 1943, אין איינעם פון די קאַמפן קעגן בלוטיקן שונא, איז יוזעק ספּיראַ געפאַלן. אַזוי האָט געקעמפט און אַזוי איז מוטיק געפאַלן דער ייִדישער אינטעליגענט, דעם געוועזענער פּאָליט־קאָמיסאַר פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע, דער גוטמוטיקער יוזעק ספּיראַ.

מישאַ סאַפּיר

קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע

אַ רעוואָלוציאָנערער טוער פון ווילנע, אַן אַביטוריענט פון דער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע, איז ער געפאָרן שטודירן מעדיצין קיין פּאַריז. פון 1936 געפינט ער זיך אין שפּאַניע און קעמפט אויף די פראָנטן פון כאַראַמע, מאַדריד און אַנדערע. סאַפּיר ווייזט אַרויס גרויס מוטיקייט און

אװאַנסירט. ער האָט א צייט געדינט אין דער זיכערהייטס־דינסט פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, און נאָכדעם אין געזונטהייטס־שטאַב פון דער 45־טער דיוויזיע. צו אונדז איז מישאַ סאפיר געקומען אין ראַנג פון א קאַפּיטאַן פון דער „לינקאָלן"־בריגאַדע.

מישקאַ האָט גערעדט א הערלעך־שיינעם יידיש, ער איז געווען שטאָלץ מיט דעם, וואָס מען האָט אים איבערגעגעבן דעם כבוד צו פירן די „באָטווין"־קאָמפּאַניע.

געקומען איז ער צו אונדז נאָך דעם קאָנטראַטאַק ביי קאַספּע, אלס פּאַרטרעטער פון דעם פאַרווונדעטן קאָמענדאַנט פון דער קאָמפּאַניע, לעאָן רובינשטיין.

ליידער איז ער לאַנג נישט געווען מיט דער קאָמפּאַניע, ווייל שוין אין חודש אַפּריל ווערט ער שווער פאַרוווּנדעט אויפן לערידאַ־פראָנט און שטאַרבט אין שפּיטאָל, אין מאי 1938, אין באַרצעלאָנע.

טאַדעוש שליאַכטאַ

קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע

אַ פּוילישער קוילנגרעבער קומט פון פּוילן קעמפן קעגן פאשיזם. שוין אין 1936 קעמפט ער ביי מאַדריד און נאָכדעם אויף אנדערע פראָנטן. שליאַכטאַ איז שוין עטלעכע מאָל געווען פאַרוווּנדעט, און אלס סערזשאַנט קומט ער צו דער יונגער „באָטווין"־קאָמפּאַניע פאר איר גיין אויפן עבראָ־פראָנט.

נאָך די קאַמפן אויפן עסטראַמאַדורער פראָנט, וו שליאַכטאַ האָט זיך מוטיק געהאַלטן, ווערט ער באַשטימט צו פאַרטרעטן דעם געפאַלענעם קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע קאַראָל גוטמאַן.

דער קוילנגרעבער שליאַכטאַ האָט באַזיצט אן אויסערגעוויינלעכע איינגעבוירענע אינטעליגענץ און איז געווען אן אמתער אינטערנאַציאָנאַליסט. ער איז געווען באַליבט ביי אלע „באָטווינצעס".

אין די שווערע טעג נאָכן עסטראַמאַדורא־פראָנט קלערט אויף שליאַכטאַ די „באָטווינצעס" די סיבות פון דעם נישט געלונגענעם אָנגריף און גרייט זיי צו צו נייע שלאַכטן.

שליאַכטאַ באַקומט דעם ראַנג פון א לייטענאַנט נאָכן עסטראַמאַדורא־פראָנט. ער ווערט פאַרוווּנדעט ביי לערידאַ.

ווען ער קומט צוריק פון שפיטאָל גייט ער צוריק אין זיין באַליבטן „דאָמבראָווסקי“=באַטאַליאָן. אויפן עבראָ=פראָנט פירט שליאַכטא אָן מיט א קאָמפּאַניע און פאַלט אין איינער פון די שלאַכטן ביי דער עבראָ.

ישראל האַלבערסבערג
קאָמענדאַנט פון דער „באָטווין“=קאָמפּאַניע

געשטאַמט האָט ער פון לובלין. אין די יונגע יאָרן האָט ער פאַרלאָזט זיין היימשטאָט, ווייל ער איז געווען געצוווּנגען צו זוכן אַרבעט אין אויסלאַנד. ער עמיגרירט קיין פראַנקרייך. און צוליב פאַרשידענע סיבות אַנגאַזשירט ער זיך אין פראַנצויזישן פרעמדן לעגיאָן. נאָכן אָפּדינען 5 יאָר אין מאַראָקאָ און אין אינדאָכינע קערט ער זיך צוריק קיין פראַנקרייך. ער באַקומט פראַנצויזישע בירגערשאַפט. האָט שוין א ביסעלע געלט און קלערט ווי איינצואָרדענען זיין לעבן.

אָבער ווען האַלבערסבערג הערט אין פּאַריז וועגן דעם גערעכטן קאַמף פון דעם שפאַנישן פאָלק און פון די אינטערנאַציאָנאַלע פרייוויליקע קעגן דעם פאַשיזם, קלערט ער נישט קיין איין מינוט און קומט קיין שפאַניע קעמפן אין די אינטערבריגאַדעס.

האַלבערסבערג קומענדיק אין דער „באָטווין“=קאָמפּאַניע, האָט נאָך ווייניק פאַרשטאַנען דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון אונדזער קאַמף. אויף דעם שלאַכט=פעלד פון דער שפאַנישער רעפּובליק האָט אים געפירט די אינטואיציע. אין פיל געשפּרעכן האָט האַלבערסבערג אויסגעדריקט זיין פּאָליטישן אני=מאַמין: „איך קעמף צוזאַמען מיט אייך דערפאַר, ווייל איר קעמפט קעגן פאַשיזם און ראַסיזם“.

אָבער זייענדיק א געוויסע צייט אין דער „באָטווין“=קאָמפּאַניע, האָט ער גיך פאַרשטאַנען די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון אונדזער קאַמף און זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט אלס יידישער סאָלדאַט.

דער אַלטער לעגיאָנער, דער אויסגעצייכנטער סאָלדאַט מיט גרויס דערפאַרונג, דער מוטיקער, פול מיט קאַמפסלוסטיקייט, האַלבערסבערג, העלפט מיט זיין גאַנצער איבערגעגעבנקייט דערציען די „באָטווינצעס“ אלס גוטע קעמפער. ער גיט זיי איבער זיין דערפאַרונג און מיליטערישע קענטעניש. ער איז געווען נישט נאָר אַן אינסטרוקטאָר, נאָר אויך א ביי=

שפּיל פון אַ קעמפער אין אַלע שלאַכטן פון דער „באַטווין"־קאָמפּאַניע ביי עסטראַמאַדוראַ, לערידאַ, און אויפן עבראָ־פראָנט.

אויפן עסטראַמאַדורער פראָנט, פירנדיק זיין פּלוטאָן אין אָנגריף, און שפּעטער, בעת דעם קאַמף מיט דער מאַראָקאַנישער קאַוואַלעריע, נעמט האַלבערסבערג מיט זיין פּלוטאָן אין געפאַנגענשאַפט אַ גאַנצע פאַשיסטישע באַטעריע מיט 15 סאָלדאַטן און איין אָפיציר, און אַזוי אַרום שוואַכט ער אָפּ דעם שונא אין זיין קאָנטראַטאַק קעגן אונדזערע איינהייטן.

האַלבערסבערג האָט זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן ביי קאַספּע. ווען ס'ווערן פאַרוווּנדעט דער קאָמענדאַנט און פּאָליט־קאָמיסאַר פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע, העלפט האַלבערסבערג גלאַנצן ביים פירן די קאָמפּאַניע ווייטער אין די קאַמפן ביי אַראַגאָן, ביז עס איז געקומען אַלס קאַמענדאַנט פון דער קאָמפּאַניע מישאַ סאַפיר.

אויפן עבראָ־פראָנט איז דער אומפּאַרטייאישער האַלבערסבערג שוין אַ לייטענאַנט און פאַרטרעט דעם קאָמענדאַנט מינק, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אין אַן אָפיצירן־שול.

אין די קאַמפן ביי קאַרבערא און גאַנדעסאַ פירט ישׂראל האַלבערסבערג אָן מיט דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע. ער פירט אַריין די קאָמפּאַניע אין דעם באַזיגטן שטעטל קאַראַבערא, ער פירט זי ווייטער אין דער פאַרביסענער שלאַכט ביי גאַנדעסאַ. האַלבערסבערג איז נישט נאָר קאָמענדאַנט פון דער קאָמפּאַניע בעת די שלאַכטן ביי קאַרבעראַ און גאַנדעסאַ, ער פאַרטרעט אויך דעם פּאָליט־קאָמיסאַר, וועלכער איז ביי גאַנדעסאַ פאַרוווּנדעט געוואָרן; ער איז אַ קאָמענדאַנט און אַ פריינד. ער איז אומעטום ווען ס'פאַלט פון הימל אַ האָגל מיט פייער, און אין איינעם פון אָט די הייסע טעג פון די קאַמפן ביי גאַנדעסאַ איז האַלבערסבערג העלדיש געפאַלן אויף זיין פּאָסטן.

האַלבערסבערגס בעסטער פריינד איז געווען אַן 21־יאָריקער שפּאַניער, זיין פאַרבינדלער, אַ זון פון אַ פּויער פון אַלמעריאַ—סאַנצעס אַראָן. סאַנצעס אַראָן איז געפאַלן 2 טעג שפּעטער, געטראָפן פון אַ פאַשיסטישער קויל, און נישט ווייט פון זיך ליגן אין דער שפּאַנישער ערד צוויי אַזוי נאָענטע פריינד — דער יידישער העלד ישׂראל האַלבערסבערג און זיין פריינד, דער שפּאַנישער פּויער — סאַנצעס אַראָן.

שלמה עלבוים

פלוטאָן־פירער פון דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע

געבוירן אין 1911 אין כעלם. צו 8 יאָר האָט ער שוין אָנגעהויבן אַרבעטן. פון פאַך א שניידער. מיטגליד פון דער קפּפּ. נאָכן אָפּזיצן א 4־יאָריקן אורטייל אין די פוילישע תפיסות קומט עלבוים אויף אַן אומלעגאַלן אופן, סוף 1936, קיין שפּאַניע.

עלבוים האָט געקעמפט ביי מאדריד, בעלציטע, סאַראַגאָסע און אַנדערע פראָנטן, וווּ ער איז פאַרווּנדעט געוואָרן.

צוריקקערנדיק זיך פון שפּיטאָל קומט ער שוין אַלס סערזשאַנט אין דער 2־טער קאָמפּאַניע פון „פּאַלאַפאָקס“־באַטאַליאָן, וועלכער ווערט נאָכ־דעם פאַרוואַנדלט אין דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע. אין דער אָקאָפּע פון זיין פלוטאָן אויפן עבראָ־פראָנט איז פאָרגעקומען די פייערונג פון דער גרינדונג פון דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע.

שלמה איז געווען א ביישפּיל פון באַשיידנקייט. זיין גאַנץ האַרץ האָט דער כעלמער קאָמוניסט און דערפאַרענער סאָלדאַט אָפּגעגעבן די סאָלדאַטן פון זיין פלוטאָן.

ער האָט געהאָלפן אין דער נאָך יונגער „באָטווין“־קאָמפּאַניע ביי דער קולטור־פּאָליטישער אַרבעט.

אויפן עסטרעמאַדורער פראָנט ווערט ער פאַרווּנדעט, און נאָכן צוריק־קומען פון שפּיטאָל ווערט ער צוגעטיילט צו דער ספּעציעלער קאָמפּאַניע פון מאַשינען־געווער אין אונדזער באַטאַליאָן.

עלבוים בענקט נאָך דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע און אין איינעם פון די נומערן פון דער „באָטווין“־צייטונג שרייבט ער אַן אַרטיקל „מיין בענקשאַפט“, וווּ ער דריקט אויס זיין אויסערגעוויינלעכע צוגעבונדנקייט צו דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע.

עלבוים נוצט אויס יעטווועדע מינוט צו קומען אויף א באַזוך אין אונ־דזער קאָמפּאַניע און אַרבעט מיט אין דער פּאָליטישער און קולטור־אַר־בעט, וועלכע די קאָמפּאַניע פירט צווישן די יידישע פרייוויליקע אין דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע.

אין זיין קאָמפּאַניע געפינט זיך א מאַשין־געווער, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון דעם געפאַלענעם יידישן העלד אין שפּאַניע „יוזעק רו־בינשטיין“.

שלמה עלבוים צייכנט זיך אוים ביי די קאמפן אויפן עבראָ־פראָנט און אויך אין די קאמפן ביי גאנדעסא, וווּ ער איז געפאַלן.

סעוועק קירשענבוים

איינער פון די באַליבסטע יידישע פרייוויליקע אין שפאַניע, איינער פון די באַקאַנטסטע יידישע רעוואָלוציאָנערע טוער אויפן בעלוויל אין פאַריז.

שוין אלס יונגטלעכער אין זיין היימשטאָט בלוינע (גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה) איז סעוועק געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און אין איר נאָמען האָט ער קאַנדידירט צום שטאָטראַט.

סעוועק קומט צווישן די ערשטע, אין 1936, קיין שפאַניע. ער קעמפט אויף פארשידענע פראָנטן, געווען עטלעכע מאָל פארוואונדעט. סעוועק איז געווען א געוויסע צייט קאָמענדאַנט פון א צענטראַלן פונקט, וווּ ס'זענען אָנגעקומען פרייוויליקע פון אויסלאַנד. אין 1938, אויפן לערידא־פראָנט, קומט דער סימפאטישער לייטענאַנט אין דער „באָטווין"־קאָמפאניע און פירט אָן מיט א פלוטאָן אויפן לערידער פראָנט. ער איז געווען באַשיידן, מוטיק און זייער פשוט. סעוועק האָט מיט זיין גוטמוטיקייט דעראָבערט די סימפאטיע פון אַלע סאָלדאַטן. ער האָט נישט געקאָנט בייז ווערן אויף קיינעם, מיט זיין גוטן כאראקטער האָט ער אויסערגעוויינלעך מאָביליזירט ד' יאַטן צום קאמף קעגן איבערוועגנדיקן שונא.

שפעטער איז סעוועק צוגעטיילט געוואָרן צום שטאַב פון 15־טן קאָרפּוס און אלס שטאַב־אָפיציר קעמפט ער אויפן עברא־פראָנט, ער איז אויך געווען פאָליט־קאָמיסאר פון „דאָמבראָווסקי"־באטאליאָן.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אַנטלויפט סעוועק פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער און קעמפט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך. ער ווערט דורך די דייטשן אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין אָשוויענטשימער טויט־לאַגער, וווּ ער איז אומגעקומען.

בנימין לאָרענטאָ־ליפשיץ

בנימין ליפשיץ איז געווען א ספעציעלער טיפּ אין אונדזער קאָמפּאַניע, און אפשר אויך אין שפאַניע. געבוירן איז ער אין ווארשע, א לאַנגיאָריקער טוער פון „בונד".

זיין כאַראַקטער איז געווען אַ רואיקער, גוטמוטיקער, מיט גרויס פאָרזיכטיקייט האָט ער אויפגענומען יעדע פּאָליטישע נייעס, געווען אַ פאַרביסענער דיסקוטאַנט. כאָטש ער איז געווען אַ הייסער פּאַטריאָט פון „בונד“, איז ער פונדעסטוועגן געווען אָביעקטיוו און האָט פאַרביסן געקעמפט קעגן די רעפאָרמיסטן אין זיין פּאַרטיי.

זיין אָביעקטיווקייט האָט אים געפירט קיין שפּאַניע און אויף די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַניע.

ווען ס'האָט זיך געשאַפן די „באָטווין“־קאָמפּאַניע איז שוין לאָרענטאַ געווען אַ סערזשאַנט. דעם ראַנג האָט ער דערגרייכט אין קאַמף אויף די דורכגעמאַכטע פראָנטן, אויף די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַניע. ער האָט גיך זיך אויסגעלערנט און געקאָנט זיך פאַרשטענדיקן אין דער שפּאַנישער שפּראַך. ער איז געווען זייער באַליבט אין דער קאָמפּאַניע.

אויפן עסטראַמאַדורער פראָנט איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן און זיך צוריקגעקערט אין דער קאָמפּאַניע בעת דעם צוריקצוג פון אַראַגאָן.

בעת די שווערע קאַמפן ביי לערידאַ, ווען ליפשיץ פירט זיין פּלוטאָן אין קאַמף קעגן די פאַשיסטן, פאַלט ער פון אַ פאַשיסטישער מערדערלעכער קויל.

דער וואַרשעווער בונדיסט בנימין לאָרענטאַ־ליפשיץ האָט געקעמפט קעגן פאַשיזם און ראַסיזם זייט ביי זייט מיט יידישע קאָמוניסטן, פּוילישע און שפּאַנישע קוילנגרעבער, פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע, אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן.

אַלעק שורעק

איז אַ קאַלישער. שוין אין קאַליש איז ער געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער עמיגרירט קיין פראַנקרייך, ווו ער איז אַ באַקאַנטער רעוואָלוציאָנערער טוער צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן. אין פראַנקרייך אַרבעט ער אַלס שטריקער.

אין 1936 איז אַלעק איינער פון די ערשטע פרייוויליקע אין שפּאַניע. צוזאַמען מיט אַנדערע פרייוויליקע קעמפט ער פון אָנהייב אויפן אַנדאַלוזער פראָנט, ווו ער צייכנט זיך אויס און באַקומט דעם ראַנג פון אַ סערזשאַנט.

אַלעק קעמפט אויף אַ גאַנצער ריי אַנדערע פראָנטן, ווי אויפן כאַראַמער פראָנט, ביי לאָס ראָסאָס געפינט ער זיך נעבן גענעראַל וואַלטער,

און ווי נאָר גענעראַל וואַלטער ווערט שעף פון דער 35-טער דיוויזיע, ווערט אַלעק זיין אַדיוטאַנט.

אַלעק צייכנט זיך אויס אויף א גאַנצער ריי פראָנטן, ביי ברונעטע, קינטאַ, בעלטשיטאַ, סערעול און אַנדערע.

ווען גענעראַל וואַלטער פאַרלאָזט שפאַניע, איז שוין אַלעק קאַפּיטאַן און ער נעמט איבער די אָנפירונג פון א טאַנקען-אָפּטיילונג. נאָכדעם ווערט ער אויף א געוויסער צייט אַדיוטאַנט פון דער „דאָמבראָווסקי“-בריגאַדע. אויפן לעצטן פראָנט איז ער געווען קאָמיסאַר פון דער „דאָמבראָווסקי“-בריגאַדע.

אַלעק, ווי מען רופט אים צווישן אונדז, איז געווען און איז ביזן היינטיקן טאָג זייער באַליבט ביי די „דאָמבראָווסטשאַקעס“, און ספּעציעל ביי די „באָטווינצעס“.

כ׳געדענק אַמאָל איז גענעראַל וואַלטער געקומען מיט א באַזוך אין אונדזער קאָמפּאַניע. אַלעק איז פאַרשווונדן. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַוועק כאַפּן א שמועס מיט די יאַטן און ספּעציעל מיט זיינע קאַלישער לאַנדסלייט (פעלעק און זשעפּקאָוויטש). ווען מען האָט געגעבן דעם גענעראַל א נומער פון דער „באָטווין“-צייטונג, האָט ער געזאָגט: „מיין אַדיוטאַנט, קאַפּיטאַן אַלעק, וועט עס מיר שוין איבערזעצן“.

ווען מען האָט נאָר געטראָפן דעם חבר אַלעק, און אפילו נאָך היינט, זעט מען תמיד א שמייכל פון גוטמוטיקייט אויף זיין פנים. אַלעק איז געווען און פאַרבליבן דער פאָלקס-טיפּ.

אַמאָל אין קאַליעליאָ, ווען מיר האָבן אים געפרעגט, וואָס טראַכט ער וועגן די „באָטווינצעס“ האָט ער געענטפערט: „כ׳האָב זיך תמיד מיט אייך אינטערעסירט אַלס ייד און שטענדיק האָב איך געהערט די בעסטע מיינונגען וועגן אייך. כ׳מוז אייך זאָגן, אַז מיר האָבן אייך און די אוקראַינישע קאָמפּאַניע פאַררעכנט אַלס די בעסטע איינהייטן פון אונדזער בריגאַדע“.

נישט לאַנג צוריק האָט מיר אַלעק דערציילט, אַז ווען ער איז אָפּגעפאָרן קיין שפאַניע האָט ער צו זיין מוטער נישט געשריבן, אַז ער געפינט זיך דאָרט. דורך א צופאַל איז זי געוווויר געוואָרן, אַז אַלעק איז אין שפאַניע, און דאַן האָט זי צו אים דורך זיין פרוי, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אין פראַנקרייך, געשריבן א בריוו, אַז ווי זי איז נאָר געוווויר געוואָרן פון דעם קאַמף אין שפאַניע, האָט זי גלייך פאַרשטאַנען, אַז אַלעק געפינט זיך דאָרט. כ׳פאַרשטיי — האָט אים די מוטער געשריבן — אַז

דו קאָנסט נישט זיין אָפּוועזנד דאָרט, וו מען שלאָגט זיך קעגן די פאַ־שיסטן. דו האָסט זייער גוט געטאָן.

לייזער איז דער בריוו מיט א סך אנדערע וויכטיקע מאטעריאַלן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פארלוירן געגאנגען.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה נעמט אלעק אָנטייל אין דער ווי־דערשטאַנד־באַוועגונג אין פראנקרייך, די דייטשן ארעסטירן אים און ער איז געזעסן אין קאָמפּיען און אין דער פעסטונג פון ווידענבערג אין דייטשלאַנד ביזן סוף פון דער מלחמה.

עמנואל מינק

א סטאָליער פון טאָמאשאָוו־מאַזאָוויעצק, וועלכער איז שוין אַלס יונ־גער יאָט טעטיק אין דער פוילישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און צו־ליב פּאָליציייאישן טעראָר איז ער געצוווונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אין פוילן איז מינק פאר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט עטלעכע מאָל גע־זעסן אין תפיסה.

ער עמיגרירט קיין בעלגיע, וו ער זעצט פאָר זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט.

מינק קומט קיין שפּאַניע אלס ספּאָרטלער אויף דער אָלימפּיאדע, וועלכע איז דאַן פאָרגעקומען אין באַרצעלאָנע. דעם 18־טן יולי 1936, ווען ס'ברעכט אוים דער בירגער־קריג, איז עמנואל מינק איינער פון די ערשטע פרייוויליקע פון די אינטערנאציאָנאַלע בריגאַדעס. דער יונגער קאָמוניסט מינק קעמפט פון ערשטן טאָג אָן צוזאמען מיטן שפּאַנישן פאָלק פאר זיין פרייהייט.

מינק קעמפט אויף די פראָנטן פון הועסקאַ, טארדיענטע, מאַדריד, באַראמאַ, וו ער איז שווער פארוואונדעט געוואָרן און 7 חדשים געלעגן אין שפּיטאָל.

נאָכן פארלאָזן דעם שפּיטאָל שיקט מען אים אין אן אָפיצירן־שול. נאָכן ענדיקן קומט ער קיין קאסאס איבאָניעז, וו ער ווערט אינסטרוק־טאָר פון די יידישע פרייוויליקע, וועלכע דארפן פארשטארקן די „באָט־ווין"־קאָמפּאניע. פון אַפּריל 1938 איז מינק אין דער „באָטווין"־קאָמ־פּאניע.

אויפן לעריד־פראָנט, ווען ס'פאלט דער קאָמענדאנט פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע, מישקא סאפיר, פארנעמט זיין אָרט לייטענאַנט

עמנואל מינק און פירט די קאָמפּאַניע ווייטער אויפן לערידער פראָנט און ביי פוענטעס דעל עבראָ.

פארן אָפּגיין פון דער קאָמפּאַניע אויפן עבראָ-פראָנט, ווערט מינק געשיקט אין א צווייטער אָפיצירן-שול, אָבער ווי נאָר די קאמפן אויפן עבראָ-פראָנט פארשטארקן זיך און ס'פאלט דער צייטווייליקער קאָמענ-דאנט האָלבערסבערג, קומט מינק צוריק אויפן פראָנט און נעמט איבער די אָנפירונג פון דער קאָמפּאַניע.

אין די שווערסטע קאָמפן אויפן עבראָ-פראָנט פירט מינק מוטיק די „באָטווין"-קאָמפּאַניע אין די פארביטערטע קאמפן, ביז ער ווערט שווער פארוווּנדעט.

אין די לעצטע טעג פון אונדזער זיין אין שפּאַניע, ווען מיר נעמען צום צווייטן מאָל דאָס געווער אין האנט, אין די שווערע טעג פאר דער שפּאַנישער רעפּובליק, אין יאנואַר 1939, פירט ווייטער אָן מיט דער „באָטווין"-קאָמפּאַניע דער אויסגעפּרוּווטער אין שלאַכטן יידישער אָפי-ציר און מוטיקער רעוואָלוציאָנער עמנואל מינק. ער פירט די קאָמפּאַניע צוזאמען מיט דער „דאָמבראָווסקי"-בריגאדע ביז צו דער פראנצויזישער גרענעץ.

אין 1941 אנטלויפט מינק פון לאַגער אַרזעלעס און איז טעטיק אין דער פראנצויזישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג. ער ווערט ארעסטירט און דעפּאָרטירט קיין אָשוויענטשים.

שלמה גזשיוואַטש

שלמה איז געבוירן אין וואָלאָמין, ביי וואַרשע, אין 1909 יאָר, אין אַן אָרעמער יידישער אַרבעטער-משפחה. אלס יינגל האָט ער שוין געמוזט אָנהייבן אַרבעטן. צו 16 יאָר געהערט ער שוין צום קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד. אין 1931 ווערט שלמה פארמשפּט אויף 5 יאָר תפיסה.

נאָכן אָפּזיצן דעם אורטייל פארלאָזט שלמה די תפיסה אלס ריי-פער פארהאַרטעוועטער רעוואָלוציאָנער. ער רוט נישט און זעצט פאָר זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, ספּעציעל אויפן געביט פון דער פּראָפּאַ-גאַנדע (?) סיאָנעלער באַוועגונג.

צוליב פּאָליצייאישן טעראָר פארלאָזט ער אין 1936 פּוילן און עמי-גרירט קיין פראַנקרייך, ווו ער איז טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ-

װעגונג. סוף 1936 פֿאָרט ער קיין שפּאַניע, װוּ ער קעמפֿט מוטיק אין דער „דאָמבראָװסקי"־בריגאַדע אויף פֿאַרשידענע פֿראָנטן.

נאָכן שפּאַנישן קריג געפֿינט זיך שלמה צוזאַמען מיט די אַנדערע פֿרײַװיליקע אין די לאַגערן פֿון פֿראַנקרײַך. אין 1941 אַנטלויפֿט ער פֿון לאַגער און קומט קיין פּאַריז און טרעט אַרײַן אין דער װידערשטאַנד־באַװעגונג.

שלמה נוצט אויס זײַן גאַנצע רעװאָלוציאָנערע דערפֿאַרונג בעת זײַן אומלעגאַלער אַרבעט צװישן די קירזשנער־אַרבעטער אין פּאַריז. נאָכדעם טרעט שלמה אַרײַן אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּטײלונגען (פֿ.ט.פּ.), װוּ ער קעמפֿט קעגן דעם דײַטשישן אָקופּאַנט מיט געװער אין האַנט. שלמה רוט נישט, ער איז אײנער פֿון די מוטיקסטע פּאַריזאַנער. אין 1944 װערט ער אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ און פֿאַרמשפּט צום טויט צוזאַמען מיט אַנדערע שפּאַנישע פֿרײַװיליקע, װי יונה געדולדיג און סטאַשעק קובאַצקי.

דעם 21־טן פֿעברואַר 1944 װערט דער קאָמוניסט, דער יידישער העלד שלמה גזשיװאַטש דערשאָסן דורך א פּלוטאָן דײַטשישע פֿאַשיסטן.

זײַן לעצטער בריװ:

פֿרען, דעם 21־טן פֿעברואַר 1944.

טײַערע זשאַנין!

הײַנט אַזײגער 3 נ.מ. װעל איך װערן דערשאָסן. רואיק און קאַלטבלוטיק ביז דער לעצטער מינוט אַזוי װי עס פּאַסט פֿאַר א יידישן אַרבעטער.

איך שטאַרב, אָבער דו װעסט מיך קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן. אויב װער פֿון מײַן פֿאַמיליע װעט לעבן און אויב דו װעסט האָבן א געלעגנהײט, דערצײל זײ אַלץ װעגן מיר.

איך שטאַרב, אָבער דו לעבסט. כ׳שיק דיר מײַנע בעסטע גרוסן. כ׳זאָג דיר און אויך אַלע מײַנע פֿרײַנד אַדיע. מוט, מוט און נאָכאַמאָל מוט!

די בעסערע מאָרגנס זענען שוין נישט װײַט!

כ׳קוש דיך טויזנט מאָל. כ׳קוש אַלע מײַנע פֿרײַנד.

דײַן געליבטער

גזשיװאַטש שלמה

כאַסקל האַניגשטיין

געבוירן אין לובלין, שטאַמט פון אַן אָרעמער יידישער משפּחה. שוין יונגערהייט האָט ער אַן אַרבעטן און איז טעטיק אין דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג אין לובלין. ער האַלט זיך מוטיק, ווען ער געפינט זיך אין די הענט פון דער פוילישער דעפענסיווע.

קיין שפּאַניע קומט ער אין 1937. ער געפינט זיך אין באַטאַליאָן „פּאַלאַפאַקס". קעמפט אויפן עסטראַמאַדורער און אויפן אַראַגאָנער פראָנט, ביי קאַספּע, לערידאַ.

כאַסקל געפינט זיך אין דער מאַשינען־געווער־קאָמפּאַניע אויפן עבראָ־פראָנט און ווערט זייער שווער פאַרוווּנדעט בעתן אָפּשלאָגן מיט זיין מאַשין־געווער אַ שטאַרקן אָנגריף פון די פאַשיסטן אויף די פּאָזיציעס פון דער „באַטווין"־קאָמפּאַניע.

כאַסקל שטאַרבט פון זיינע וווּנדן דעם 1־טן אָקטאָבער 1938 אין אַ באַרצעלאָנער שפּיטאָל. דעם 3־טן אָקטאָבער 1938 איז פאָרגעקומען זיין לוויה, וועלכע איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע מאַניפעסטאַציע פאַר זיין כבוד.

דאָס איז געווען איינער פון די לעצטע אינטערנאַציאָנאַלע קעמ־פער, וועלכער איז געפאַלן אין קאַמף קעגן פאַשיזם אין שפּאַניע.

קאַפּיטאַן יוזעף עפּשטיין

אַ סטודענט פון טולוז. אין שפּאַניע איז ער געווען אין דער אַרטי־לעריע, אין דער „אַנאַ פּאַוקער"־באַטעריע. עפּשטיין האָט זיך שוין אין שפּאַניע אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט און מוטיקייט.

אין פראַנקרייך ווערט דער העלדישער יידישער אָפיציר איינער פון די לעגענדאַרע געשטאַלטן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אונטערן פּסעוודאָנים קאָלאָנעל (פּולקאָווניק) זילעס איז ער דער אָנפירער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פאַרשידענע דעפּאַרטאַ־מענטן פון פראַנקרייך און הויפּטזעכלעך איז ער געווען טעטיק אין דע־פּאַרטאַמענט פון סעין און אין פּאַריז, וווּ ער אָרגאַניזירט אָנפאַלן אויף דייטשישע מיליטער־אָפּטיילונגען אין דער געגנט פון אָרעאָן און אויף די עליזייער פעלדער.

די דייטשן האָבן אים אַרעסטירט און פאַרמשפּט צום טויט. זיין לעצטער בריוו פאַרן טויט:

טייערע און געליבטע פּאָולעטע!

היינט 3 נאָכמיטאָג וועל איך דערשאָסן ווערן, אָבער ביז צום לעצטן אָטעם בין איך געטריי מיין אידעע.

כ׳לאָז דיר איבער אַליין מיט אונדזער טייערסטן יינגל. כ׳טראַכט איצט וועגן אייך. כ׳האָב אייך זייער ליב. כ׳האָב דיך, מיין טייערע און איינציקע, זייער ליב. זיי מיר מוחל אויב איך האָב דיך אַמאָל עפּעס שלעכטס געטאָן. דו האָסט מיר דאָך געגעבן אַזויפיל גליק! כ׳לעב איצט נאָכאַמאָל איבער די מינוטן אין מיינע געדאַנקען.

כ׳בין דאָך געווען אַזוי גליקלעך מיט דיר און מיט אונדזער טייערסטן קליינעם!

זיי מוטיק, מיין געליבטע! שיין אונדזער באָבוש! דערציִ אים אַלס אַן ערלעכן און מוטיקן מענטש!

די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן וויל איך אייך ביידןווידמען. כ׳זע דיך, ווי מיט אונדזער אוצר אין די אָרעמס וואַרטסטו אויף מיר און איך שטייג אויס פון אויטאָ. כ׳הער דאָס געלעכטער פון קליינעם, כ׳זע דיינע אויגן, פול מיט מוטערלעכער וואַכזאַמקייט. כ׳הער זיין שטי-מעלע: טאַטע! טאַטע!

זייט ביידע גליקלעך און פאַרגעסט נישט אייער טאַטן!

כ׳וועל שטאַרבן מוטיק. ווען כ׳וועל שטיין פאַר דעם עקזעקוציע-פּלוטאָן, וועל איך טראַכטן וועגן אייך, וועגן אייער גליק, וועגן אייער צוקונפט!

פון צייט צו צייט טראַכט וועגן מיר!

מוט, ליבע און טייערע פּאָולעט! דו מוזט דערציִען אונדזער זון. ער מוז ווערן אַ מוטיקער און ערלעכער מענטש. אויב ס׳וועט דיר אַמאָל פעלן מוט, טראַכט וועגן מיר, וועגן מיין ליבע פאַר אייך ביידן. אַ שטאַר-קע ליבע, וואָס וועט אייך נישט פאַרלאָזן, וועלכע וועט אויף אייביק און אומעטום בלייבן ביי אייך!

טייערסטע מיינע! פאַרליר נישט דעם מוט! פון היינט אָן, פון אַזייגער 3, וועסטו זיין דער פאָטער און די מוטער פון אונדזער טייערן

זונעלע. זיי מוטיק און זיי מיר מוחל די עוולה, וועלכע איך בין דיר גורם.

כ׳דריק אייך און טוליע אייך פעסט!

זאָל לעבן די פרייהייט! זאָל לעבן פראַנקרייך!

י. ע.

ניסענבוים „באָברוש״

אַ קינד פון אַ יידישער האָרעפּאַשנער משפּחה אין וואַרשע. זיין עלטערער ברודער שטאַרבט פון ווונדן, וואָס ער האָט באַקומען בעת די קאַמפן מיט דער פּאָליציי.

באָברוש געהערט שוין אַלס קינד צו דער „פּיאָנערן״-אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. ער הייבט אָן צו ארבעטן און ווערט א מיטגליד פון קאָמיוג.

ער ווערט באַקאַנט אין דער וואַרשעווער קאָמוניסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע. ער פאַרהאַלט זיך העלדיש אויף פאַרשידענע מאַניפעס-טאַציעס און אין תפיסה, ווו ער איז אַן אָפטער גאַסט.

ער איז געווען סעקרעטאר פון קאָמיוג פון ראיאָן „מיטלשטאָט״ אין וואַרשע.

אין 1936 קומט ער קיין שפּאַניע. ער האָט העלדיש געקעמפט אויף פאַרשידענע פראָנטן און איז געפאַלן, אין אויגוסט 1937, ביי ווילי-נועוואַ דע גאַליעגא.

קאַפּיטאַן מאַרסעל לאַנגער

אַ קאָמוניסט פון פּאַלעסטינע, געקומען אין די הרייסיקער יאָרן קיין פראַנקרייך, זיך באַזעצט אין טולוז, ווו ער איז געווען אַ טעטיקער אַק-טיוויסט פון דער פראַנצויזישער קאָמפּאַרטיי.

קיין שפּאַניע קומט ער צווישן די ערשטע און קעמפט אויף פאַר-שידענע פראָנטן און אין פאַרשידענע אייגהייטן. ער צייכנט זיך העלדיש אויס — ער קעמפט אין די אַרטילעריע-אייגהייטן, מיינסטנס אין די פראַנצויזישע. מאַרסעל פאַרלאָזט שפּאַניע אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן.

ווער האָט אין גורס נישט געקענט דעם ליבהאַרציקן מאַרסעל? תמיד מיטן שמייכל, מיט אַ גוט וואָרט צו יעדן איינעם.

ווען ס'ברעכט אויס די צווייטע וועלט-מלחמה געפינט זיך שוין מאַרסעל אויף יענער זייט שטעכל-דראָט און אָרגאַניזירט אין דער געגנט פון טולוז די פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג קעגן די דייטשישע פאַשיסטן.

די היטלעריסטן אַרעסטירן אים און דעם 11 מערץ 1943 פאַראורטיילן זיי אים צום טויט. דעם 25 יולי 1943 קומט מאַרסעל אום אונטער דער גילאָטינע.

מאַרסעל האָט געהאַט אַ פרוי מיט אַ קינד אין שפּאַניע, אָט איז זיין געזעגענונגס-בריוו:

טייערע מיינע!

ווען דער בריוו וועט זיין אין דיינע הענט וועל איך שוין נישט זיין אויף דער וועלט. איך בין פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט אַלס אַ פּאָליטישער פאַרברעכער. כ'שטעל מיר פאָר דיין ווייטיק, אָבער מיט דער צייט וועסטו מיך פאַרגעסן און אַ צווייטער וועט פאַרנעמען מיין אָרט אין דיין לעבן.

ווען מען קוקט צוריק אויף אונדזער געמיינזאַם לעבן, דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז מיר האָבן נישט געהאַט באמת קיין גליק צו זיין צוזאַמען. מיר האָבן ביידע זייער געליטן צוליב אונדזער צעשיידונג. כ'האָב די האָפענונג, אַז ביי דער זייט פון אַ צווייטן וועסטו האָבן מער גליק. כ'וואָלט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין אַן ערלעכער מענטש און זאָל זיין אַ גוטער פאַר מיין ראָסיטאַ.

מען מוז דאָך אַוועקשטעלן די פראַגע קלאָר: דו ביסט אַ יונגע, אַ שיינע, דו קאָנסט און דאַרפסט געפינען אַ חבר אין לעבן, כ'געפין עס נאָרמאַל און נאַטירלעך. כ'גלויב נישט, אַז דו וואָלסט געקאָנט לעבן נאָר מיט דערינערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, און איך פאָדער עס נישט פון דיר. דאָס איינציקע וואָס איך פאָדער איז, דו זאָלסט גוט דערציען ראָסיטאַ. געדענק וועגן מיר, אַז כ'בין געווען אַ גוטער פאַר מיין פאַמיליע און אַ קעמפער פאַר פרייהייט פון אַלע פעלקער. אין די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן וועל איך טראַכטן וועגן אייך ביידן. כ'פאַל אין קאַמף פאַר פאָרשריט און פרייהייט! כ'קוש דיך טויזנט מאָל! דיך און ראָסיטאַ! דיין מאַרסעל, וועלכער האָט דיך געליבט פון דער ערשטער מינוט ווען ער האָט דיך נאָר דערזען. כ'דאַנק דיר פאַרן גליק, וועלכן כ'האָב ביי דיר געהאַט.

לעבט ביידע גליקלעך און פריי!

דיין מאַרסעל

לעאָן פּאַקין

געקומען איז ער קיין שפּאַניע נאָכן באַפרייען זיך פון אַ פּוילישער תּפיסה. פּאַקין איז געבוירן אין 1912 אין פּאַביאַניץ, אין אַ יידישער וועבער־פאַמיליע. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט און אין דעם לאַגער גורס (פראַנקרייך) האָט ער אונדז דערציילט וועגן זיין לעבן און די פּוילישע תּפיסות.

פּאַקין האָט אָנגעהויבן שוין אַרבעטן אַלס יינגל און אויך זייער יונג איז ער שוין געמיק אין דער קפּפּ און פירט אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין מיליטער, בעת זיין מיליטער־דינסט.

פּאַקין איז געווען אַ געזונטער און גוט־געבויטער יאַט. די שפּיצלעם האָבן פאַר אים מורא געהאַט. כ'געדענק אַזאַ עפּיזאָד: סעפּטעמבער 1939 בין איך, פּאַקין און נאָך 2 חברים אַרעסטירט געוואָרן אין לאַגער גורס און אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער תּפיסה פון פּאָ. מען האָט אונדז באַשולדיקט אין פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער פראַנצויזישער רעגירונג. בעת דער אויספאָרשונג האָט מען אונדז געשלאָגן, אָבער פּאַקינען האָבן זיי נישט אָנגערירט. די פּאָליציאַנטן האָבן געזאָגט: „ער איז צו הויך פאַר אונדז".

פּאַקין איז אָפּגעזעסן אַ לאַנגן אורטייל אין די פּוילישע תּפיסות (10 יאָר!) און גלייך נאָכדעם איז ער געקומען קיין שפּאַניע.

אין דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע קעמפט ער אויף די פראָנטן פון לע־רידאַ און אויפן עבראָ־פראָנט, וווּ ער ווערט פאַרוואונדעט. אויפן לעצטן פראָנט, אין יאַנואַר 1939, איז פּאַקין געווען פּאָליט־קאָמיסאַר פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע. אין שפּאַניע, פּונקט ווי אין פּוילן, האָט פּאַקין אַרויסגעוויזן מוט און העלדישקייט.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט פּאַקין זיך אַרויסבאַקומען פון לאַגער ווערנעט (פראַנקרייך) און איז געווען איינער פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פּאַריז.

אין 1943 ווערט ער אַרעסטירט דורך די דייטשן און דערשאָסן אין פּאַריז.

הערשל ראַפּאָפּאָרט

געקומען קיין שפּאַניע איז ער פון פּוילן (פּולטוסק). אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער קפּפּ. קיין שפּאַניע קומט ער סוף 1937, און פון 1938 איז ער אין דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע. פאַרוואונדעט און אין רעזולטאַט

דערפון געוואָרן טויבלעך אויפן גאַנצן לעבן. ער האָט מיטגעמאַכט די פראָנטן ביי אַראַגאָן, עבראָ און דעם צווייטן פראָנט. געווען אין די לאַ־גערן פון פראַנקרייך.

הערשל איז געווען אַ מוטיקער און באַשייד׳נער רעוואָלוציאָנער. ער האָט אויפן עבראָ־פראָנט מיט מסירת־נפש אויסגעפירט פאַרשידענע אויפגאַבן.

ער קעמפט אין דער 1־טער אַרמיי און איז געפאַלן אויפן פּוילישן פראָנט.

יונה געדולדיג

יונה איז געבוירן אין 1918, אין וולאָדימיר, (וואָלין). דערצויגן גע־וואָרן איז ער אין הרוביעשאָוו. אלס 16־יאָריק יינגל עמיגרירט ער קיין פּאַלעסטינע, וווּ עס האָט זיך געפונען זיין עלטערער ברודער.

אַלס 17־יאָריקער יונגמלעבער איז שוין יונה טעטיק אין דער אומ־לעגאַלער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין פּאַלעסטינע. פול מיט רעוואָלוציאָנערן מוט און גלויבן קומט יונה, אין 1937, קיין שפּאַניע. פון אָנהייב קעמפט ער אויף פאַרשידענע פראָנטן אין דער אַרטילעריע־באַ־טעריע „אַנאַ פּאַוקער“. ער האָט זיך תמיד געשולט און אויפן פראָנט אַרויסגעוויזן גרויס מוט.

אין יאַנואַר 1939, ווען מיר גייען דאָס צווייטע מאָל אויפן פראָנט, געפינט זיך יונה אין דער „דאָמבראָווסקי“־בריגאַדע. יונה איז געווען אַ מוטיקער קעמפער און האָט אין די לאַגערן פון פראַנקרייך און נאָך פריער אין שפּאַניע אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אַקטיוויקייט אויפן געביט פון יידישער קולטור־טעטיקייט.

אַ פעסט־געבויטער יונגער יאַט, האָט זיך יונה געריסן צום קאַמף קעגן דעם דייטשישן פאַשיזם אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט זיכער געוואָלט נקמה נעמען פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט, שאַנדע און פאַרניכטונג פון זיינע נאָענטסטע אין הרוביעשאָוו!

אַ פאַקט איז, אַז אין 1941 איז ער אַנטלאָפן פון לאַגער אַרזעלעס און האָט זיך גלייך געמאָלדן צו דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין פראַנק־רייך. דריי יאָר קעמפט דער יונגער קאָמוניסט אין די פּאַרטיזאַנער־רייען. ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין ערנסטע מיליטערישע אַקציעס פון די פּאַרטיזאַנער קעגן דייטשישן אָקופּאַנט.

אין 1944 פאַלט ער אַריין אין די הענט פון די דייטשישע מער־דער, אונטער דעם פסעוודאָנים „מישעל מאַרטיניאַק“ ווערט ער צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרטיזאַנער, אין דעם באַקאַנטן פּראָצעס פון 23, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פּאַריז, פאַרמשפּט צום טויט.

דעם 21־טן פעברואַר 1944 האָט דאָס מוטיקע האַרץ פון יונה גע־דולדיג אויף אייביק אויפגעהערט צו קלאַפּן. יונה האָט אפילו נישט גע־קאָנט שרייבן זיין לעצטן בריוו, ווייל די דייטשן האָבן אים נישט גע־טאָרט רעשיפרירן. ער איז דערשאָסן געוואָרן אַלס מישעל מאַרטיניאַק.

פאַר זיין אויסערגעוויינלעכן מוט און העלדישקייט איז יונה גע־דולדיק אין 1947 אויסגעצייכנט געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג מיטן „מעדאַל פון פראַנצויזישן ווידערשטאַנד“.

יאַקוב אַראָנאָוויטש (יאשאר)

געבוירן אין ווילנע. אַלס יונגער יאָט שטודירט אין דייטשלאַנד, וווּ ער ענדיקט אַ מיטלשול און שוין דאָן איז ער טעטיק אין דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג.

יאשאר האָט פון קינדהייט אָן געהאַט אַ נייגונג צו קונסט און ספּע־ציעל צו דער בינע. פון זיינע יונגט־יאָרן איז ער אין דייטשלאַנד טעטיק אין די דראַמאַטישע סעקציעס, וועלכע זענען געווען אונטערן איינפלוס פון דעם באַקאַנטן אין דייטשלאַנד רעוואָלוציאָנערן רעזשיסער, פּיסקאַטאָר.

אין די 30־קער יאָרן, ווען אין דייטשלאַנד הייבט זיך אָן אַ טעראָר קעגן יידן און אויסלענדער, קומט יאשאר קיין פּאַריז.

אין פּאַריז איז יאשאר איינער פון די בעסטע אַרטיסטן און אָרגאַ־ניזאַטאָרן פון פּאַריזער יידישן אַרבעטער־טעאַטער און נאָך דער מלחמה איז יאשאר איינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער פון יידישן טעאַטער אין פּאַריז.

יאשאר איז געווען אַ מיטגליד פון דער פראַנצויזישער קאָמפּאַרטיי.

אָנהייב 1937 קומט ער קיין שפּאַניע, וווּ ער קעמפט זייער מוטיק אין דער „טעלמאַן“־בריגאַדע. נאָכן אַדורכמאַכן עטלעכע פראָנטן ווערט ער שטאַב־אָפיציר פון 4־טן באַטאַליאָן פון דער „טעלמאַן“־בריגאַדע.

ווען אין אָקטאָבער 1938 מוזן די אינטערבריגאַדיסטן פאַרלאָזן

שפּאַניע, קומט יאשאַר צוריק קיין פּאַריז, וווּ ער איז טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אין 1941 פאָרט ער קיין ראַטנפאַרבאַנד, אָבער אין מאָמענט, ווען ער האָט שוין געהאַט איבערפאָרן די סאָוויעטישע גרענעץ, איז היט־לער־דייטשלאַנד אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד. דער צוג מיט די פּאַ־סאַזשירן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען יאשאַר, איז געוואָרן צוריק אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין בערלין. פון בערלין געלינגט יאשאַרן על פּי נס אומלעגאַל זיך דורכצורייסן צוריק קיין פּאַריז.

סוף 1941 ווערט יאשאַר אַרעסטירט דורך די דייטשן און דעפּאָר־טירט קיין קאָמפּיען און שפּעטער אין דער פעסטונג ווילדעמבורג (בײַ־ערן). דאָרט איז ער געווען אין דער אומלעגאַלער אָנפירונג פון די לאַ־גער־געפאַנגענע.

אין די שווערע לאַגער־באַדינגונגען פון געסטאַפּאָ־טעראָר און שרעק־לעכן הונגער, וואָס האָט טיילמאָל די בעסטע מענטשן אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט, האָט יאשאַר באַוויזן זיין מוט און אויסדויער. ער האָט זיך אָפּגעגעשטעלט בײַ דער דייטשישער אַדמיניסטראַציע פאַר זיינע חברים. דאָס איז געווען ריזיקאַליש, אָבער יאשאַרן האָט עס נישט גע־שראָקן. יאשאַר האָט נישט איינמאָל אונטערגעוואָרפן זיין אָרעמע פּאָרציע ברויט זיינע נאָענטסטע חברים.

נאָך דער מלחמה קומט יאשאַר צוריק קיין פּאַריז, וווּ ער ווידמעט זיך דער בינע.

וועגן זיין ווירדיקייט איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען פאָלגנדיקן פאַקט: פאַרן אָפּפאָרן אין די 30־קער יאָרן פון דייטשלאַנד קיין פראַנק־רייך איז יאשאַר קראַנק געוואָרן. ער איז אַוועק צו אַ דאָקטער. דער דאָקטער, נאָכן אונטערזוכן אים, אויסמעסטן דעם קאָפּ א. א. וו. האָט אים געזאָגט: „איר זייט ווירקלעך אַ שיינער און פּרעכטיקער אַריער“ דערויף האָט אים יאשאַר געענטפערט: „אָבער, הער דאָקטאָר, איך בין דאָך אַ ייִד!“

וואָס דער דאָקטער האָט דאַן געטראַכט, איז זייער לייכט צו פאַר־שטיין. יאשאַר איז געווען אַ בלאָנדער און האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַן אַריער.

אין 1950 ווערט יאשאַר אַרויסגעשיקט דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג קיין פּוילן.

אין פוילן האָט ער געאַרבעט אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין מיניסטעריום פאַר אויסערן־האַנדל. אין 1960 איז יאשאר געשטאָרבן.

אליהו ערליך

געשטאַמט האָט ער פון קליינעם פוילישן שטעטל קלאָבוצק. אין 1935 איז ער געקומען קיין פאַלעסטינע און טרעט גלייך אַריין אין די רייען פון דער, דאַן אומלעגאַלער, קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. זיין ברודער ווערט אין 1936 פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אַרויסגעשיקט פון פאַלעסטינע.

אין סעפּטעמבער 1937 קומט ער קיין שפּאַניע און געפינט זיך אין דער קאָמפּאַניע, וועלכע ווערט אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער די „באָטווין"־קאָמפּאַניע. אליהו איז געווען תמיד שטאָלץ, וואָס ער איז געווען איינער פון די ערשטע „באָטווינצעס".

אין דער קאָמפּאַניע איז אליהו געווען איינער פון די בעסטע „סגניפערס". פול מיט לעבן און מוט, האָט ער אַריינגעבראַכט פרייד און גוטן הומאָר אין אונדזער קאָמפּאַניע.

אויפן עסטראַמאַדורער פראָנט קעמפט אליהו העלדיש. אין מאָמענט, ווען די פאַשיסטן וואַרפן אויף זיין פּאָזיציע, וווּ ער געפינט זיך מיט נאָך „באָטווינצעס", האַנט־גראַנאַטן, כאַפּט אליהו עטלעכע גראַנאַטן נאָך איידער זיי עקספּלאָדירן און וואַרפט זיי צוריק צו די פאַשיסטן. ער האָט באַוווסטזיניק איינגעשטעלט דאָס לעבן, כדי צו ראַטעווען זיינע חברים.

אויפן עסטראַמאַדורער פראָנט ווערט ער דעם 16־טן פעברואַר 1938, נאָכמיטאָג, פאַרוווּנדעט אין בויך, און אין עטלעכע טעג אַרום שטאַרבט ער פון די ווונדן אין מיליטערישן שפּיטאָל, נישט ווייט פון סיעררא דע קעמאַדאַ, אין שטעטל פּערעלעדאַ.

מאַרצין שימאַנסקי

געבוירן אין 1914 אין פוילן. ער עמיגרירט מיט זיינע עלטערן קיין פראַנקרייך אין יאָר 1927. שוין אַלס יינגל אַרבעט ער אין קוילנגרובן. פון 1935 געהערט ער צו דער קפּפ. אין יוני 1937 קומט ער קיין שפּאַניע

און ווערט צוגעטיילט צו דער 2־טער קאָמפּאַניע פון „פּאַלאַפּאָקס“־באַטאַליאָן.

מאַרצין איז פון ערשטן ביזן לעצטן טאָג אין דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע. ער האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט 2 פראָנטן — ביי ברונעטע און סאַראַגאָסאַ.

אין דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע איז מאַרצין אַ פּאַרבינדלער. זייער אַ מוטיקער יאַט. אויפן עסטראַמאַדורער פראָנט לאָזט ער נישט אָפּ זיין נאָענטן פריינד, דעם פּאָליט־קאָמיסאַר פון דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע, מישאַ רעגער.

ער קעמפּט אויף די פראָנטן פון קאַספּע און לערידאַ, ווערט פּאַרוווּנדעט אויף דעם עבראָ־פראָנט. נאָך עטלעכע טעג זיין אין שפּיטאָל, אַנטלויפט מאַרצין אויפן פראָנט. אויף די שווערע פּאָזיציעס פון עבראָ־פראָנט קעמפּט ער ביזן סוף צוזאַמען מיט די יידישע און שפּאַנישע קעמפער.

מאַרצין איז איינער פון די איינצלנע „באָטווינצעס“, וואָס זענען געבליבן ביים לעבן. ער איז ביזן היינטיקן טאָג פאַרבונדן מיט די לעבנגעבליבענע „באָטווינצעס“. אין די לאַגערן פון פראַנקרייך און צפון־אַפריקע, אין דער פּוילישער אַרמיי, און וועלכער ער האָט געקעמפּט בעת דער מלחמה. אַרבעטנדיק אין קוילנגרובן אין קאַטאָוויץ, איז מאַרצין שימאַנסקי געטריי דער שבועה, וועלכע ער האָט געגעבן אין די אָקאָפּעס פון מאַדריענטע בעת ס'איז געשאַפן געוואָרן די „באָטווין“־קאָמפּאַניע. מאַרצין איז פאַרבליבן אַ מוטיקער אַנטיפאַשיסט און אינטערנאַציאָנאַליסט.

פּנחס חפץ

געבוירן אין ירושלים. שוין אַלס קינד געהערט ער צו דער „פּיאָנער“־אָרגאַניזאַציע. ער איז אַ באַקאַנטער פּאַלעסטינער קאָמוניסט. געבוירן אין 1912, און שוין אין 1926 איז ער טעטיק אין דער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּאַלעסטינע.

ער איז אָפּגעזעסן עטלעכע יאָר און אין די פּאַלעסטינער טורמעס אין אַלס אויסגעפּרוווטער אַנטיפאַשיסטישער קעמפער קומט ער, אין אָנהייב 1938, אין דער „באָטווין“־קאָמפּאַניע. ער מאַכט מיט דעם צוריק־

צוג פֿון אַראַגאָן, און אין די קאַמפֿן ביי לערידאַ לעבערט אים אַ מערדערלעכע קויל דורך די אויגן.

אַפֿילו זייענדיק אַזוי שטאַרק פֿאַרווונדעט (ער ווערט בלינד), פֿאַרלירט ער ניט זיין באַוווסטזיין און גיט איבער זיינע פֿריינד זיינע האַנטגראַנאַטן, זאָגנדיק: „נעמט צו די גראַנאַטן — זיי קאָנען אייך צונוץ קומען“.

חפֿץ איז אויף זיין גאַנץ לעבן געבליבן בלינד. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געשטאָרבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

דניאל אַבראַמאָוויטש

איז געקומען פֿון פּאַלעסטינע, וווּ ער איז געווען טעטיק אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין פּאַלעסטינע איז דניאל געווען באַקאַנט אַלס קרענקלעכער יאַט.

אין שפּאַניע איז דניאל געווען אין „האָמבראָווסקי“־באַטאַליאָן איינער פֿון די בעסטע קעמפֿער. נאָך די קאַמפֿן ביי בעלציטע, וווּ דניאל צייכנט זיך ספּעציעל אויס, באַקומט ער דעם ראַנג פֿון אַ לייטענאַנט.

פֿאַרן עבראָ־פֿראָנט, אין 1938, ווערט ער באַשטימט אַלס אַדיוטאַנט פֿון „מיצקעוויטש“־באַטאַליאָן. אויפֿן עבראָ־פֿראָנט האָט דניאל אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכן מוט און העלדישקייט. אומעטום האָט מען אים געקאָנט זען. אונטער אַ האָגל פֿון פֿאַשיסטישע קוילן שפּרינגט ער פֿון פּאָזיציע צו פּאָזיציע.

און האַרט, אויפֿן עבראָ־פֿראָנט, בעת ער פֿירט אָן מיטן קאָנטראַטאַק קעגן די פֿאַשיסטן, פֿאַלט דניאל פֿון אַ פֿאַשיסטישער קויל.

ליאָוואַ בורסוק

אַ יונגטלעכער פֿון פּאַלעסטינע, געבוירן אין רוסלאַנד. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קומט ער אַלס קליין קינד מיט זיינע עלטערן קיין פּאַלעסטינע. זיין ברודער איז פֿאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון פּאַלעסטינע קיין ראַטנפֿאַרבאַנד.

ליאָווקאַ קומט קיין שפּאַניע אָנהייב 1938 יאָר. ער איז אַ פֿאַרבינדלער אין „מיצקעוויטש“־באַטאַליאָן. אין פּאַלעסטינע האָט ער געהערט צו דעם אומלעגאַלן קאָמוניסטישן יונגט־פֿאַרבאַנד.

אויפֿן עבראָ-פֿראָנט איז ליאָווקאַ איינער פֿון די העלדישסטע און בעסטע פֿאַרבינדלער פֿון באַטאַליאָן-שטאַב. אונטער אַ האָגל פֿון קוילן, ביי טאָג צי ביי נאַכט לויפֿט ליאָווקאַ מיט די ראַפּאָרטן פֿון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, און אין איינער פֿון אַזאַ מיסיע איז ער געטראָפֿן געוואָרן פֿון אַ פֿאַשיסטישער קויל, וואָס האָט אָפּגענומען דאָס לעבן פֿון דעם יונגן ליאָווקאַ.

בר־עקיבא — פּייוול זאַוואָדניק

געשטאַמט האָט ער פֿון אוקראַינע. געקומען איז ער קיין פּאַלעסטינע גלייך נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין די 20-קער יאָרן.

לאַנג האָט געדויערט זיין וועג פֿון ציוניסטישן לאַגער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין 1930 יאָר איז ער שוין פֿאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט געזעסן אין דער עכּוער טורמע. ער איז געווען אַ שטיין-העקער, און נאָכדעם, ווען ער האָט געמוזט צוליבן באָיקאָט און אומלעגאַלקייט איבערפֿאָרן קיין חיפֿה, אַרבעט ער אַלס בוי-אַרבעטער. בר-עקיבא איז געווען באַליבט ביי די אַרבעטער.

אין 1937 קומט ער קיין שפּאַניע און בעת די קאַמפֿן ביי לערידאַ קומט ער אין דער „באָטווין"-קאָמפּאַניע. ער איז איינער פֿון אירע בעסטע קעמפֿער, און אויפֿן עבראָ-פֿראָנט, ביי די פֿאַרביטערטע קאַמפֿן אויף דעם באַרג פּאָטאַרעלאָ, אין איינעם פֿון די סעפּטעמבער-טעג 1938, ווערט בר-עקיבא געטראָפֿן פֿון אַ פֿאַשיסטישער קויל.

ביעלינקי

